Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 251 | Łódź, Niedziela, 30 października 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, ל׳ תשרי תרצ״ג | № 251

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. :אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע

Cafe „ATLANTIC" Piotrkowska 48 tel. 162-11

האט דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דעם ג׳ פובליקום, אז נאך א לאנגען און גרינדליכען רעמאנט ווערט

היינט, זונטאג, 4 נמ. דאס לאקאל ווידער ערעפענט

אין וועלכען עס וועט קאנצערטירען דער בעוואוסטער ערשטקלאסיגער ארקעסטער THE ACORD BAND

טעגליך פון 10—12 נאכטס ערשטקלאסיגער **דאנסינג** אונטער דער לייטונג פון פארטענצער ARTUR CORTER. שבת פון 5—7 נאכמיטאג **פייף א קלאק**

סאלידע און עלעגאנטע בעדינונג. ערמעסיגטע פרייזען. 0799 מיט הארכטונג: די איינהאבער

רעשטעז

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס

בילעצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-

שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר

אין פראנט, 2 שטאק

Już nastąpiło otwarcie

składu sprzedaży detalicznej

Polecamy wszelką **BIELIZNĘ** trykotową dla Pań, Panów, Dzieci i Niemowląt.

BIELIZNĘ damską jedwabną znanej jakości pod marką „SLOKANA"

BIELIZNĘ damską wełnianą bawełnianą pod marką „ELASTICANA"

Pończochy i Skarpetki, Rękawiczki i Pulowery oraz inne **wyroby dziane**

Firmy **L. PLIHAL i S-KA**

przy ul. **Piotrkowskiej 100** (róg Przejazd) Tel. 225-53.

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד. 409ו

פאר גאלד, בריליאנטען, ביזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

כוס תנחומים לחברינו

מר **מיכאל פלאטא** ומרת **בינה גוטרמן**

בצערם הרב במות עליהם אחותם

נ״ע רבקה מנחם

ועד ההסתדרות הציונית בלודז

ועד קרן היסוד

ועד קרן הקימת לישראל

6656

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 68 יאהר

נ״ע רבקה מאנאכעם

אשת ר׳ מניש נ״י

בת המנוח ר׳ **שלמה פלאטא** ז״ל, מוטער פון **הרב בראט** מטאמאשאוו

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, ד. 30 אקטאבער 1932, 12,30 בייטאג פון שפיטאל „אוניטאס", פוסטא 19

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

Dr. Med.

JÓZEF IZYKSON

Choroby uszu, nosa, gardła, wady wymowy i głosu

Przyjmuje od 5 — 7

Południowa 9 — Telefon 210-75

Dr. Wajnberg

ספעציאליסט פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אווענד

אונזער מיטגעפיהל, פאר אונזערע ליבע חברים **יעקב** און פייוועל ראזענפארב צוליב טויט פון זייערע ליבע מוטער

נ״ע אסתר ראזענפארב

וועלכע איז געשטארבען אין תל-אביב און דארט צו קבורה געבראכט.

זייט געטרייסט!

דריקען אויס די חברים:

ליבל לייזעראוויטש, בנציון ראפאפארט,
אברהם טארנאווסקי, אהרן קרישטאל,
זישע רובינשטיין, יעקב לאסאצקי,
קלמן וויסמאן, משה הערשפינקעל,
בעריש ראזען, אברהם לייזעראוויטש.

איום גרויסען צער וואס האט געטראפען אינזער חשוב׳ן סטארשי ה׳ **שלמה נחום קאליסקי**

צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען זוהן

יעקב ב״ע

דריקען אויס מיטגעפיהל

די פערוואלטונג און פאך-קאמיסיע ביים

היטעלמאכער-צעך אין לאדז.

3999

די הנחות אין זונטאג-רוה

דער דעקרעט וועט נישט ערשיינען און פון גאנצען טומעל האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם...

וו א ר ש א, 29 (טעלעפאניש)

די פוילישע האנדעלס-ארגאניזאציעס, וועלכע האבען פראטעסטירט געגען די געפלאנטע הנחות אין צוואנג-זונטאג-רוה האבען היינט בעקומען מעלדונגען פון דער רעגירונג, אז דער דעקרעט וועט נישט דערשיינען. דער פראיעקט ווערט איבערגעגעבען דעם סיים, וועלכער וועט זיך שוין מיט דעם ענין בעשעפטיגען.

מען דארף דעריבער רעכענען, אז די דאזיגע „ישועה" איז בעגראבען געווארען אין זעלבען קבר, אין וועלכען עס רוהען נאך א היפש ביסעל אזעלכע ישועות.

200 טויזענד טעקסטיל-ארבייטער

פערשטרייקען אין ענגלאנד

ל א נ ד א ן, 29 (ספ. טעל.)

מארגען הויבט זיך אן אין ענגלאנד א שטרייק פון 200 טויזענד טעקסטיל-ארבייטער.

מורא'דיגער אויפרייס פון א גראנאט

17 פערזאן דערהרג'עט, 19 שווער פערוואונדעט

ל א נ ד א ן, 29 (ספ. טעל.)

אין טשא-פיי (נעבען שאנכיי) האבען קליינע קינדער, שפילענדיג זיך, געפינען א גראנאט. דער גראנאט האט באלד אויפגעריסען מיט א מורא'דיגער קראפט. 17 פערזאן זענען דערהרג'עט געווארען און 19 זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

איצט אין די רייהע אויף אונגארן

אנטי-יודישע אונרוהען אין די אוניווערזיטעטען

ב ו ד א פ ע ש ט, 29 (ספ. טעל.) נאך די עהרנעכטיגע געשעהענישען אין אנאטאמישען אינסטיטוט, האבען זיך אין אוניווערזיטעט איבער-גע'חזרט די אנטי - יודישע אונרוהען, אין ביאלאגישען אינסטיטוט איז געקומען צו א געשלעג. די לימודים זענען אפגעשטעלט געווארען. די יודען האבען אינטערוועניר בעי דער רעגירונג, פערלאנגענדיג ענטשפרעכענדע פעראָרדנונגען.

פוילישער געזאנדטער אין ווין פראטעסטירט

נעגען שלאגען יודישע סטודענטען

ו י ן, 29 (ספ. טעל.)

אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע געשעהענישען אין די ווינער הויך-שולען, בעת וועלכע ס'זענען צושלאגען געווארען אויך יודישע סטודענטען פון פוילען, האט דער פוילישער געזאנדטער אין ווין פראטעסטירט געגען די אנפאלען אויף פוילישע בירגער. די עסטרייכישע רעגירונג האט אין איהר ענטפער בעדויערט די געשעהענישען און צוגעזאגט צו בעשטראפען די שולדיגע.

דער מלוכה-בודזשעט

איז צונויפגעשטעלט געווארען לויט'ן ווילען פון פרעמיער

וו א ר ש א, 29 (טעלעפאניש)

דער פרעמיער פריסטאר, ווי מ'שמועסט אין די פאליטישע קרייזען, איז איצט דער אליינהערשער אין מיניסטעריען-ראט דער גאנצער בודזשעט איז צונויפגעשטעלט געווארען לויט זיין אנווייזונג און לויט זיין ווילען. אלע קלאנגען, אז דער פרעמיער זאל דימיסיאנירען שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

* * *

ווי מיר דערוויסען זיך וועט דער מארשאל פילסודסקי פערברענגען דעם גאנצען ווינטער אין סיציליען.

פראנצויזישער ענטוואפענונגס-פלאן

גרויסע דיסקוסיע וועגען ענטוואפנונג אין פראנצויזישען פארלאמענט

פ א ר י ז, 29 (ספ. טעל.) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון פראנצויזישען פארלאמענט איז געפיהרט געווארען א גרויסע דיסקוסיע וועגען דעם

לעאן בלום האט די שטעלונג פון די סאציאליסטען פארגעשטעלט אין דריי פונקטען: 1) דייטשלאנדס פאדערונג וועגען גלייכבערעכטיגונג איז אין פרינציפ ריכטיג, 2) די פרעטענזיעס פון דייטשלאנד, בנוגע דעם בעזייען פון דער בעוואפענונג זענען נישט הערלאזבאר, 3) דער איינציגער אופן נישט צו דערלאזען צו א נייער בעוואפענונג איז — פולשטענדיגע ענטוואפענונג.

העריאס רעדע האט געדויערט א שעה צייט.

די דייטשען — האט ער געזאגט — ווילען זיך אויפסנייי בעוואפענען, אויב די ענטוואפענונגס-קאנפערענץ וועט דורכפאלען וועט דייטשלאנד מיט פראנקרייך בלייבען אויג אויף אויג. דייטשלאנד איז שטארקער סיי אין דער צאהל בעפעלקערונג, סיי אין איהר אינדוסטריע, זי קען דעריבער האבען אויך א מיליטערישער איבערגעוויכט. פראנקרייך וועט מוזען אנהויבען א מיליטערישען געיעג מיט דייטשלאנד. מ'דארף דעריבער מאכען אלע אנשטרענגונגען צו זיכערען דעם שלום.

העריא האט דאן בעגרינדעט דעם פראנצויזישען ענטוואפענונגס-פלאן. ער האט געזאגט: פון דער מיליטערישער זייט איז די גלייכהייט פון רעכט מעגליך דורך אדורכפיהרען אין גאנץ איירעפע דעם סיסטעם פון קורצען מיליטער-דינסט און דאס אפשאפען פון די פראפעסיאנעלע ארמעען פון דעם טיפ רייכסוועהר. פון דער פאליטישער זייט איז די גלייכהייט מעגליך ביי דער געגענזייטיגער קאנטראל פון דער בעוואפענונג, שליסען אנ'איירעפעאישען אפמאך פון געגענזייטיגע הילף, אנ'ארביטראזש-אפמאך, וואס זאל אלע פערפליכטען.

2 א זייגער בייננאכט האט דער פארלאמענט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע, וואס איז איינגעטראגען געווארען דורך פראנסוא אלבער: דער פארלאמענט גיט זיך אפ א חשבון פון דער בעדייטונג פון עקאנאמישע, פאליטישע און מאראלישען קריזיס, וועלכען ס'לעבט איבער די וועלט. דער קריזיס קען בעקעמפט ווערען דורך א גרויסע אנשטרענגונג פון אינטערנאציאנאלע צוזאמענארבייט. דער פארלאמענט דריקט אויס צוטרוי דער רעגירונג אין פיהרען די פאליטיק, וואס שטיצט זיך אויף פאלגענדע יסודות: 1) אפהיטען די פרינציפען פון די פעלקער-ליגע-אפמאכען און בעזונדערס פעראורטיילען יעדע אגרעסיווע כוונות, 2) אלגעמיינע בעגרעצונג פון אלערליי בעוואפענונגען, עפעקטיווע קאנטראל און פעריאדישע קאנטראל פון דער פעלקער-ליגע, כדי צו פערזיכערען די גלייכהייט פון אלע פעלקער און דער אינטערנאציאנאלער זיכערקייט, 3) אפשאפען אין אלע לענדער די פריוואטע פאבריקאציע פון געוועהר און די קאנטראל איבער דער פאבריקאציע און האנדעל פון געוועהר. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען מיט 430 שטימען געגען 20 ביי 140 אפגעהאלטענע רעכטע און צענטרום. די סאציאליסטען האבען געשטימט פאר דער דאזיגער רעזאלוציע.

פראנקרייך זאגט זיך אפ

פון מאנדאט איבער סיריען

פ א ר י ז, 29 (ספ. טעל.)

„עקא דע פארי" איז מודיע, אז אינגיכען ווערט געשלאסען אנ'אפמאך צווישען פראנקרייך און סיריען. פראנקרייך זאגט זיך אפ פון מאנדאט איבער סיריען און שליסט מיט דער סירישער רעגירונג אנ'עהנליכען אפמאך, ווי עס האט געשלאסען ענגלאנד מיט איראק. דער מאנדאט איבער לבנון בלייבט אין קראפט.

מאראטאריום אויף חובות

וואס מאגיסטראטען זענען שולדיג פריוואטע מענשען

וו א ר ש א, 29 (טעל.)

מאנטאג וועט ערשיינען דער לעצטער דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט אויפ'ן יסוד פון די בעפולמעכטיגונגען וואס דער פרעזידענט האט בעקומען פון סיים. דער דעקרעט פיהרט איין א געוויסען מאראטאריום פאר די שטעט בנוגע פריוואט-חובות און נישט אויף חובות וואס די שטעט זענען שולדיג דער מלוה אין אין אויסלאנד.

15 פראצענט אנשטאט 18

וועלען די שטייער-אמטען רעכענען פאר'ן פערלעגענע שטייערען

וו א ר ש א, 29 (טעל.)

דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, אז פון 1 נאוועמבער זאל מען פון פערלעגענע שטייערען רעכענען נישט ווי ביז איצט 18 פראצענט א יאהר שטראף נאר 15.

פרעמיער העריא ערלויבט נישט

צו בעליידיגען פוילען אין פראנצויזישען פארלאמענט

פ א ר י ז, 29 (ספ. טעל.)

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון פראנצויזישען פארלאמענט האט דער קאמוניסטישער רעפּוטאט שעסיין שארף אטאקירט די ענטוואפענונגס-פאליטיק און בעזונדערס שארף אנגעגריפען פוילען און רומעניען.

העריא האט פראטעסטירט געגען בעליידיגען פוילען, ערקלערענדיג, אז פוילען איז א העלדיש און ליידענד פאלק, מאר וועלכער יעדער פראנצויז מוז האבען די געהעריגע אכטונג.

רעגינא ווידזשינסקא
פעליקס הערץ
פערלאבט.
לאדז, אין אקטאבער 1932. 9ד99

„לינת-הצדק" לאדז צעגעלניאנא 17
דער פיזיקאלישער טעראפישער קאבינעט
איז טעגליך מעטיג פון 1-11 און 4-6 אווענד
און געפינט זיך אונטער'ן אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאליסט. קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, סאללוקז, עלעקטרישע בעדער.

מאשין-מצות
ווערט געבאקען אלע טאג
פרישע און דיבע ווי אויך
מצה-מעהל, אייער-פערפל
און סוכארקעס
לויט קארלסבאדער סיסטעם.
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט
אונזערע גוט-בעקאנטע אין
אלערליי פרישע געבעקסען
פון אונזער איבעראל-בעוואוסטער
צוקערניע
ב. וויינבערג
38 פיעטריקאווער 38
טעל. 143-82.

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאכען מיר בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז היינט זונטאג, דעם 30 אקטאבער 1932, ווערט געעפענט אויף
פיעטריקאווער 13
דאס ניי-מאדערן-איינגעאָרדענטע וואורשטען-געשעפט פאר הורט און דעטייל-פערקויף פון דער גוט-בעקאנטער פירמע
י. האנדעלסמאן
וואס עקזיסטירט זייט'ן יאהר 1880.
אויפ'ן ארט א קאמפארט איינגעאָרדענט גאסט-צימער.
פיינע בעדינונג. מיט אכטונג
י. האנדעלסמאן
13 פיעטריקאווער 13

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8-2 און פון 5-9 אווענד.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

Doktór
Łagunowski
Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.
choroby skórne, weneryczne i moczopłciowe.
Leczenie promieniami Roentgena.
Przyjmuje od 8[30] do 10, 1 — 2[30], od 6 do 8[30] w, w niedzielę i święta od 9 do 11[30] rano
Oddzielna poczekalnia dla pań.

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונזערע געעהרטע קאמיטעט-מיטגלידער חברים
יעקב און פייוועל ראזענפארב
צוליב דעם טויט פון זייער ליבע
מוטער נ"ע
וועלכע איז געשטארבען אין תל-אביב און דארט צו קבורה געקומען
המקום ינחם אותך בתוך שארי אבילי ציון וירושלים.
דער קאמיטעט פון בית תפלה „תהלת ישראל"
לאדז, פיעטריקאווער 19. 8ד99

„שיר" „שיר" „שיר"
לאדזשער „שיר"
ייד. מוזיק-פאריין
זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטש-גאס 20.
דינסטאג, ד. 1. נאוועמבער 1932, 8.45 אוונט קומט פאר דער ערעפענונגס-קאנצערט פון סעזאן 1932/33 פון
„שיר"-כאר אונטער דער לייטונג פון פראפ. י. פיינווישיס
סאליסטען: פרל. א. ווינסאק (סאפראן) — ווארשע, ס. הראפיוניק (סאפראן) און ה' קארן (טענאר).
ביים קלאוויר: פרל. ל. לאקס.
אין פראגראם: קלאסישע ווערק און יידישע פאלקס-לידער, וועלכע זיינען נאך ביז איצט אין לאדזש נישט אויפגעפירט געווארן.
בילעטען פון 75 גר. ביז 3.50 צו באקומען ביי דער פילהארמ.-קאסע

דעקרעט וועגען צונויפרופען דעם סיים

דאָנערשטאָג — די ערשטע זיצונג. אויף דער טאָג-אָרדנונג די ערשטע לעזונג פון בודזשעט — 5 נייע דעפוטאטען — פאָרשלאגען און אינטערפעלאציעס

דער שעף פון יורידישען ביורא פון מיניס־טאָרען־ראַט ד״ר פיענטאק איז געקומען אין סיים אַריין. ער איז אַוועק אין קאנצעלאַריע פון סיים־מאַרשאַלעק ד״ר שוויטאַלסקי, וועלכער האָט שוין אויף איהם געוואַרט. ד״ר פיעטנעק האָט דערלאַנגט דעם סיים־מאַרשאַלעק אַ דעקרעט פון מלוכה־פרעזידענט, אַז די באָרמאַלע בודזשעט־סעסיע פון סיים ווערט גערופען אויפ׳ן 31. ה. ח. דער דעקרעט איז דאַטירט דעם 27. ה. ח.

אַנ׳עהנליכען דעקרעט האָט ד״ר פיענטאק דער־לאַנגט דעם מארשאלעק פון סענאַט ראטשקעוויטש אין הסכם מיט׳ן דעקרעט פון פרעזידענט האָט דער סיים־מאַרשאַלעק גלייך בעשטימט דעם טערמין פון דער ערשטער סיים־זיצונג, זי וועט פאָרקומען דאָ־נערשטאָג, דעם 3. נאָוו. ווי מען גיט איבער, האָט דער סיים־מאַרשאלעק בעשלאָסען צו ווידמען די דאָזיגע זיצונג איין־איינציגער פראַגע: דער ערשטער לעזונג פון נייעם בודזשעט.

פאַר׳ן טאָג־אָרדנונג וועט דער סיים־מאַרשאַ־לעק נאָך אָפנעהמען די שבועה ביי 5 נייע דעפוטאַ־טען: 3 סענאַטאָרען, 2 קאָמוניסטען. 2 פון די דריי סענאַטאָרען געהען אַריין אין סיים אויפ׳ן אָרט פון די געשטאָרבענע דעפוטאַטען וואַרטאָלסקי און גראַדזשעצקי, דער דריטער — אויפ׳ן אָרט פון נייעם וויצע־דירעקטאָר פון „באַנק־פּאָלסקי״, יאַן פילסודסקי. די נייע 2 קאָמוניסטישע דעפוטאַטען געהען אַריין אויפן אָרט פון זייערע פאָרגענגער וועלכע זענען איבערגעגעבען געוואָרען די געריכטען, צוליב וואָס זיי זענען אנטלאָפען פון פוילען.

דעם בודזשעט וועט בעגרינדען אין נאָמען פון דער רעגירונג דער פינאַנץ־מיניסטער זאַוואַדזקי ס׳וועלען אויך אַרויסטרעטען פאָרשטעהער פון אַלע סיים־קלובען. אַמוואַהרשיינליכסטע וועט אויך קומען צו אַ רייהע דעמאָנסטראַטיווע פאָרשלאַגען און איב־ערפּעלאַציעס. צוליב די לעצטע דעפּרעסיעס פון דער רעגירונג געגען די ענדעקעס וועלען די אַרויס־טרעטונגען פון די לעצטע זיין בעזונדערס שאַרפע.

די אַרבייט פון דער סיים־קאַנצעלאַריע איז יעדענפאַלס אין פולען גאַנג. נעכטען האָט מען צו אַלע דעפוטאַטען שוין אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו דער סיים־זיצונג.

אין לאַנד איז דערוויל די פּעראינטערעסירונג מיט דער סיים־סעסיע נישט קיין גרויסע. בלויז איין שיכט פון דער בעפעלקערונג איז דערוויל שטאַרק בעשעפטיגט מיט דער סעסיע: דאָס זענען די מלוכה בעאַמטע — זיי ציטערען פאַר איהר ווי פאַר פייער.

ס׳האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז ס׳גרייט זיך פאַר זיי אַ נייע צרה: אַ נייע לוין־רעדוקציע. דאָס־מאָל דאַרף די איניציאַטיוו קומען פון סיים. די רעגירונג וועט קיין שום רעדוקציע־פאָרשלאַגען נישט מאַכען. זי וועט זיך לאָזען פערגוואַלטיגען דורך דער סאַנאַטאָרישער סיים־מעהרהייט.

די בעאַמטע האַלטען אָפּ זיצונגען און בעראַ־טונגען, זיי לויפען שוין מיט דעלעגאַציעס צו דער רעגירונג און צו פערשידענע גרויסע לייט. די אָפּי־ציעלע אַגענטורען דרוקען קאָמוניקאַטען, אַז די רעגירונג האָט נישט בדעה צו מאַכען נייע לוין־רעדוקציעס.

עס בעשטעטיגט זיך אַזוי אַרום דער קלאַנג, וועלכען מיר האָבען פערנאָטירט מיט עטליכע טעג צוריק, אַז דעם פאָרשלאַג וועגען לוין־רעדוקציעס וועט אַריינטראָגען אין סיים די סאַנאַטאָרישע פּוי־ערים־גרופע.

שטורמישע דעמאָנסטראַציעס אין לאָנדאָן

בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען אַרבייטסלאָזע און פּאָליציי

לאָנדאָן, 29 (ספ. טעל.)

דער „הונגער - מאַרש״ האָט געבראַכט קיין לאָנדאָן מאַסען אַרבייטסלאָזע פון פערשידענע עקען פון לאַנד. פערהאַן אַרבייטסלאָזע, וועלכע זענען גע־גאַנגען צופוס קיין לאָנדאָן איבער 4 וואָכען. די צאָהל אַרבייטסלאָזע, וואָס האָבען דעמאָנסטרירט היינט אויף די לאָנדאָנער גאַסען ווערט געשאַצט אויף 20 טויזענד. אין דער פרי האָבען זיך די אַר־בייטסלאָזע אָנגעהויבען קלייבען אין הייד-פּאַרק, כדי אָפּצוהאַלטען אַ מיטינג.

דער לאָנדאָנער בירגערמייסטער האָט גע־שטעלט אויף די פיס די גאַנצע פּאָליציי. 20 טוי־זענד פּאָליציאַנטען זענען קאָנצענטרירט געוואָרען אין פערשידענע טיילען פון שטאָדט. שטאַרקע פּאָ־ליציי־אָבטיילונגען האָבען באַהיטען דעם פּאַרלאַמענט מאַניסטראַט און אַנדערע עפענטליכע געביידעס. מי־טאָג־צייט איז דער הייד-פּאַרק שוין געווען פול מיט מאַניפעסטאַנטען. באַלד איז געקומען צו צוזאַמענ־שטויסען. ווען די פּאָליציי האָט געוואָלט אַרעסטי־רען עטליכע דעמאָנסטראַנטען האָט די פיל טויזאַנד קעפּיגע מאַסע, וואָס האָט זיך געפינען פון דרויסען, געלאָזט אין אַ שטורם־אַטאַק אויף דער פּאָליציי, כדי אָפּצושלאָגען די אַרעסטירטע. די רייטער־ און פוס־פּאָליציי האָט גענומען טרייבען דעם עולם, דערביי זענען צעהנדליגער פערזאָן פערוואונדעט געוואָרען.

די אָנגעשטעלטע פון די קראָמען זענען אין פּאַניק אנטלאָפען, איבערלאָזענדיג די געשעפטען אויף הפקר.

א העפטיגער צוזאַמענשטויס איז פּאָרגעקומען אין מערלירטש נעבען הייד־פּאַרק. דאָרט האָבען די דעמאָנסטראַנטען פערוואָרפען די פּאָליציי מיט שטיינער און קאָקס. די פּאָליציי האָט גענומען אריינשטופען די מאַסע אין דער אָקספאָרד־גאַס. די רייטער־פּאָליציי האָט פּשוט געטרעטען מענשען מיט די פיס. אין אָוונט איז די רוה אין הייד־פּאַרק צוריקגעשטעלט געוואָרען. אין אַנדערע טיי־לען פון שטאָדט איז אָבער ווייטער געקומען צו צו־זאַמענשטויסען. דערביי זענען בערך 20 פערזאָן פערוואונדעט געוואָרען. אכט פערזאָן זענען אָפּגע־פיהרט געוואָרען אין די שפּיטאַלען. דריי פּאָליציאַנ־טען האָבען בעקומען וואונדען אין קאָפּ. עס זענען אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ ריי אַרעסטען.

אין פּאַרלאַמענט האָט די פּאָליציי אויך בע־זעצט די גאַלעריע. א דעפוטאַט פון דער אומאָפּ־הענגיגער אַרבייטער־פּאַרטיי האָט אַריינגעטראָגען א פאָרשלאַג צוצולאָזען צום פּאַרלאַמענט א דעלע־גאַציע פון די אַרבייטסלאָזע. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען. דינסטאָג וועט אַריינגע־טראָגען ווערען אין פּאַרלאַמענט א פּעטיציע צו־צולאָזען א דעלעגאַציע, אז זי זאָל דעם פּאַרלאַ־מענט פאָרשטעלען איהרע פאָדערונגען.

רוסיש - יאַפּאַנ׳שע אונטערהאַנדלונגען

וועגען שליסען א נישט־אַנגרייפס־אַפּמאַך

מאָסקווע, 29 (ספ. טעל.) אויפ׳ן גרונד פון אַ בעשלוס פון זראַז פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען און דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי איז דעלעגירט געוואָרען קיין טאָקיאָ דער קאָמיסאַר קאַראַכאַן, כדי צו פיהרען אונטער־האַנדלונגען מיט דער יאַפּאַנישער רעגירונג וועגען אַ נישט־אַנגרייפס־אָפּמאַך און וועגען פער־קויפען דער מאַנדזשורישער מלוכה די מזרח־כינעזישע באַהן.

קאַראַכאַנס רייזע קיין יאַפּאַן ווערט קאָמענטירט אַלס גוטער סימן אין די יאַפּאַניש־סאָוויעטישע בעציהונגען און דער עווענטועלער צוזאַמענאַרבייט פון מאָסקווע מיט טאָקיאָ.

איינטאָגיגער שטרייק פון ענ־דעקישע סטודענטען אין פּויזען

פּויזען, 29 (ספּ. טעל.)

צוליב׳ן ליקווידירען דעם „אביעוואפּאל״ אין פּויזנער וואָיעוואודזטווע האָבען די פּויזנער ענ־דעקישע סטודענטען פון די הויכשולען ערקלעהרט אַנ׳איינטאָגיגען שטרייק. זיי האָבען זיך נעשטעלט פאַר די בנינים פון די שולען און נישט אַריינגע־לאָזען די סטודענטען אינעווייניג.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט 5 ענדעקישע סטודענטען.

דייטשער פּראָטעסט אין מאָסקווע

פּאַריז, 29 (ספּ. טעל.) ווי ס׳איז מוד ע די היינטיגע פּאַריזער פּרעסע, האָט דער דייטשער באָט־שאַפטער אין מאָסקווע דערלאַנגט אַ פּראָטעסט דער סאָוויעטישער רעגירונג געגען דעם, וואָס די ראַטען־רעגירונג בעשיצט דייטשע מערדער, וועלכע אַנטלויפען קיין ראַטען־פערבאַנד. אין דער נאָטע ווערען אויסגערעכענט די נעמען פון אַ רייהע דייטשע קאָ־מוניסטען, וועלכע זענען בעגאַנגען פּאָליטישע מאָר־דען אין דייטשלאַנד און געפינען זיך איצט אין ראַטען־פערבאַנד, וואו זיי פערנעהמען אָנגעזעהענע רעגירונגס־פּאָסטענס.

דער ליקווידירטער „אבוויעפּאל״ אין פּויזנער קאַנט

האָט געצעהלט 100 טויזענד מיטגלידער

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן פּונ׳ם לאָזען די אָב־וויעפּאָל־אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ פּויזנער געגענד ווערט מיטגעטיילט, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט גע־ציילט 1185 אָפּטיילונגען מיט העכער 100.000 מיטגלידער.

אין די מאָטיווען וועגען פונאַנדערלאָזען די אָר־גאַניזאַציע ווערט געזאָגט, אַז זי האָט זיך גע־שטעלט פערשווערישע צילען.

ראַדיאָ-פּראָגראַם

זונטאג, דעם 30-טען אָקטאָבער

10,05 גאָטעסדינסט, 11,58 צייט-סיגנאַל. 12,10 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט, 12,15 סימ־פאָנישער פריהמאָרגען פון דער וואַרשאָווער פיל־האַרמאָניע, 1 טראַנסמ. פון פּויזען, 3,25 אוידיציע פאַר זעלנער, 4,00 ראַדיאָ-וואָך פאַר יוגענד, 4,30 גראַמאָפאָן-פּליטען, 4.40 קאָמוניקאַט, 4,45 פער־שידענע ידיעות, 5,00 קאָנצערט, 600 לייכטע מוזיק, 6,55 פערשידענעס, 7.15 ספּאָרט-ידיעות פון לאָדז, 7,25 אוידיציע, 8,00 פּאָפּולערער קאָנצערט ספּאָרט-ידיעות. 10 לייכטע מוזיק, 10,55 מעטע־אָראָלאָגישער און פּאָליציי - קאָמוניקאַט, 11,00 טאַנץ-מוזיק.

אויסלאַנד

2,30 באַזעל – אָפּערעטקע, 3,10 הילווער־סעם – סימפאָנישער קאָנצערט, 4.15 בודאַפּעשט – קאָנצערט, 7,25 ברעסלוי – פידעל- רעטשיטאַל, 8 בוקאַרעשט – אָפּערעטקע, 8 לאַנגענבערג – קאָמישע אָפּערעטקע, 8,30 וויען – קאַלמאַן-אָוונד 10,05 לאָנדאָן סימפאָנישער קאָנצערט.

מעלדונג

העבּרעאישע קורסען אין דער אָבטיילונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף אַלטשטאָדט א. נ. „אגודת ציון״, זגערסקא 28

עס וועלען געעפענט ווערען קורסען פאַר דער העבּרעאישער שפּראַך און תנ״ך פאַר אנפאַנ־גער און פאָרטגעשריטענע. ספּעציעלע קורסען פאַר שילער פון די פאָלקסשולען שולען מיט אַ זעהר קליינעם אָפּצאָהל.

איינשרייבונגען אין לאָקאַל פון „אגודת ציון״ (לאָקאַל פון קליינהענדלער פעראיין) פון 8 ביז 10 אָוונד. 6617

פון די פּוילישע טעאַטערן

אין שטאָטישען טעאַטער, ווערט היינט גע־שפּילט „מאַדמואַזעל״.

אין „קאַמעראַל-טעאַטער״ – „דער בעליבטער לעאָפּאָלד״.

אין טעאַטער „פּאָפּולאַרני״– „דער טאָרו אויף מעדלען״.

מאַשין-לעכער

ווערן אָנגענומען אויסצונייען ביי

ג. נאַרדמאַן, שרודמיעסקא 8

ישעצקי

מאַר

גראַנדיעזע אויסשטעלונג
דרוקצייכענען און פערלאַגען

עמפפעהלט

די איינציגע אידישע ציוקערנעריי

אין לאָדז

104

טעל.: 241-24

„געצעלקס״

צאָפּעקעלע די דוידזע

צום הערבסט-סעזאָן

אונגעוועהנליכע רעדוקציע פון אַלע פּרייזען

אין דער איינציגער קאָנקורענץ - פּערפומעריע פון דער פירמע

י. דרוקער, 5 זאַוואַדזקאַ 5

טעלעפאָן 17592

וואָס בעזיצט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע פּאַריזער

פּערפומען,

ווי אויך די פיינסטע ערשטקלאַסיגע פּודערן, טואַלעט-זייפען או״וו

Perfumerja J. DRUKIER

מיט אכטונג

ZAWADZKA 5

TEL. 175-92

בעמערקונג: ענגראָסיסטען בעקומען ספּעציעלען ראַבאַט.

לאָדז. 30 אָקטאָבער 1932

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 30 אָקטאָבער 1932

די ירושה פון מיטלאַלטער

עס זענען פאַרהאַן קאַנאָניזירטע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אויסגעוואַקסען געוואָרען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען און וועלכע די מענשליכע האַנד האָט נישט דעם מוט אָנצורירען.

צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע געהערט בלי-ספק די אוניווערזיטעטס-אויטאָנאָמיע. זי איז אויסגעוואַקסען אין די צייטען פון מיטעלאַלטער, ווען די וויסענשאַפט איז געווען שטרענג מאָנאָפּאָליזירט דורך יחידים און אַרום האָט געהערשט אַ מוראדיגע פערגרעבטקייט און גייסטיגע פינסטערניש. די צאָל אוניווערזיטעטען איז געווען אַ קליינע און יעדער פון זיי האָט פערמאָגט אַ גרויסען אויטאָריטעט, צוליב וועלכען עס פלעגען אין די מויערען פון דער „אַלמאַ מאַטער" שטראָמען פיל סטודענטען פון אַנדערע שטעט און אפילו פון וויטע לענדער.

דער אוניווערזיטעט, זיינע פּראָפעסאָרען און סטודענטען זענען געווען אַרומגערינגעלט מיט עפּעס אַ געהיימניספולקייט, וועלכע האָט צו זיי דערוועקט גרויס רעספּעקט און אַכטונג. אמת, די אוניווערזיטעטען האָבען געטראָגען אַ רעליגיעז-קלעריקאַלען כאַראַקטער און דער הויפּט-לימוד, וועלכער איז געשטאַנען העכער פון אַלץ, איז געווען טעאָלאָגיע — אָבער דאָך האָבען פון די אוניווערזיטעטס-מויערען פון צייט צו צייט אויסגעשאָסען לויכטענדע ראַקעטען, וועלכע האָבען געוואָרפען אַ בינטעל שטראַהלען אָפטמאָל אויף אַ וויטען מהלך. אַלע גרויסע רעפאָרמאַטאָרען פון דער קריסטליכער קירך טעאָרעטיקער פון מלוכה-רעכט — האָבען געפּרעדיגט זייערע אידעען „עקסקאַטעדראַ" און קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט זיך זיי ענטקעגענצושטעלען, אפילו דער פירשט אָדער קעניג האָבען פערביסען די ליפּען און געשוויגען, די אוניווערזיטעטס-אויטאָנאָמיע איז געווען אַ מין שוץ-וואַנט פאַר דעם פרייען געדאַנק און פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען איהם געטראָגען.

סיי די פּראָפעסאָרען, סיי די סטודענטען האָבען אינגאַנצען זעלבסטשטענדיג, אָן וועלכער עס איז אינגערענץ פון דער מלוכה-מאַכט רעגולירט זייער לעבען און פערהעלטענישען. די סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס זענען געווען אַ מין „ברודערשאַפט", אין וועלכער דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט איז געווען זעהר שטאַרק ענטוויקעלט און וועלכע פלעגען ביי פערשידענע געלעגענהייטען אפילו אויסאיבען אַ דרוק אויף די מיטעלאַלטערליכע מוניציפּאַליטעטען.

די מאָדערנע פעלקער האָבען די דאָזיגע אינסטיטוציע — די אוניווערזיטעטס-אויטאָנאָמיע — איבערגענומען פון מיטעל-אַלטער און איהר ווייטער געפלעגט און פערטיפט, אפילו דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט נישט געהאַט דעם מוט מבטל צו מאַכען די אוניווערזיטעטס-אויטאָנאָמיע, כאָטש די הויך-שולען זענען אין דעם פאַרמלחמה'דיגען רוסלאַנד געווען די נעסטען פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, כאָטש די סטודענטען האָבען אויסגעפילט די רייען פון אַלע קאָנספּיראַטיווע און אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, און די מעהרהייט פון די פּראָפעסאָרען איז קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטען געגען דעם רעאַקציאָנערען רעזשים.

אפילו דער „בעריהמטער" רוסישער בילדונגס-מיניסטער קאַסאָ, וועלכער האָט געפּרובט אָנגרייפען די אוניווערזיטעטס-אויטאָנאָמיע דורך בעזעצען די אוניווערזיטעטס-קאַטעדרעס, בעזונדערס אויף די יורידישע פאַקולטעטען פון מאָסקווע און פעטערבורג, דורך צווייט-ראַנגיגע פּראָפעסאָרען און פּראָטעזשירטע „געלעהרטע" — האָט דאָן אין יענע רעאַקציאָנערע צייטען נישט געפונען קיין סימפּאַטיע.

דאָס אַלץ בעווייזט, ווי ווייט די אויטאָנאָמיע פון די הויך-שולען איז בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ מין אומבעריהרליכער דאָגמאַ, וועלכער איז אין מיטעל-אַלטער געהייליגט געוואָרען דורך דער געהיימניספולקייט און רעספּעקט פאַר דער וויסענשאַפט און אין דער נייער צייט דורך דעם מענשליכען דראַנג צו פרייהייט.

איז אָבער מיט דער אוניווערזיטעטס-אויטאָנאָמיע געשעהען דאָס, וואָס עס טרעפט מיט אַ סך אַנדערע אינסטיטוציעס, זי האָט אינגאַנצען פערלוירען איהרע אַמאָליגע יסודות, וועלכע האָבען איהר פערהערליכט, די אוניווערזיטעטען זענען שוין מעהר נישט קיין טעמפּלען פאַר וויסענשאַפט, די פּראָפעסאָרען זענען מעהר נישט בכוח, אָדער ווילען נישט דערוועקען ביי זייערע צוהערער דעם דראַנג צו פאָרשען און שטודירען און די סטודענטען פערמאָגען נישט קיין אויסדויער און קיין זיך-פלייש צו פערברענגען זייערע יונגע יאָהרען איבער אַלטע פאָליאַנטען, אָדער איבער נייע וואונדערבאַרע שאַפונגען פון דעם מענשליכען זשעני.

די רוישיגע גאַס מיט די לאָזונגען פון דעם דעמאָראַליזירטען, הונגעריגען און פער'יאוש'טען המון האָט זיך אַריינגעריסען אין די הויכע מויערען פון די „אַלמאַ מאַטערס", דער טרעגער פון דער „געהיימניספולער" וויסענשאַפט איז געוואָרען אַ בעשטאַנד-טייל פון דעם צעיושעטען המון, אָפטמאָל זיין וואָרט-פיהרער און וועג-ווייזער.

און דאָס אינטערעסאַנטסטע און מערקווירדיגסטע דערביי איז דער פאַקט, וואָס דער ניוואָ פון די פּראָפעסאָרען, זייערע אויפפאַסונגען און אָנשויאונגען, זייער צוגאַנג צו פערשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען—געפינען זיך אויף דער זעלבער מדרגה, ווי ביי די סטודענטען. זיי האָבען זיך אין דער נאָכ'מלחמה'דיגער תקופה געגענזייטיג צוגעפּאַסט און פערשטעהען זיך אויסגעצייכענט.

דער רעזולטאַט דערפון איז דער באַנקראָט פון דער אויטאָנאָמיע פון די הויכשולען, וועלכע דינט—אין דער לעצטער תקופה – אויסשליסליך די אינטערעסען פון דער פינסטערסטער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער רעאַקציע און וועלכע בילדעט די באַסטיליע פון מענשען-שנאה אין אַלע איהרע פאָרמען.

אָבער צייטען בייטען זיך. דווקא די רעאַקציע, וועלכע האָט נאָך פאַר דער מלחמה איבעראַל פערביסען בעקעמפט די אויטאָנאָמיע פון די הויכשולען, האָט איצט אָנגעגורט די לענדען, כדי ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט צו פערטיידיגען די דאָזיגע פּאָזיציע, וועלכע זי נוצט אויס צו איהרע שענדליכע און ברוטאַלע מעשים. פערקעהרט, די אַמאָליגע הייסע פערטיידיגער פון דער אויטאָנאָמיע פון די הויכשולען, די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע פּאָליטישע ריכטונגען, זענען פאַר אַ ווייטגעהענדיגער רעפאָרם אויף דעם דאָזיגען געביט.

ביי אונז אין פּוילען איז נישט קיין אַנדערע ווי די ענדעציע אַרויס מיט היסטערישע קולות, אַז מיט די געפּלאַנטע רעפאָרמען מאַכט מען אומגליקליך די וויסענשאַפט, מען רויבט צו ביי די פּראָפעסאָרען די מעגליכקייט פון רוהיגער אַרבייט און ביי די סטודענטען—זייערע פּריווילעגיעס.

דער מאָדערניזירטער און פאַרבען אויסגעפּוצטער „גאַסען-העלד" פון „אָבוז וויעלקעי פּאָלסקי", וועלכער פּרעטענדירט צו בעזיצען דעם גאַנצען מאָנאָפּאָל פון מלוכה'שאַפטליכען שכל אין פּוילען, וועלכער אָרדענט איין פון צייט צו צייט גאַסען-ספּעקטאַקלען און מאַכט זיך „פריילייד" איבער דעם בירגער, וועלכער האָט נישט דאָס גליק צו זיין פון דער „הויכער" אָפּשטאַמונג, וואָס ער גופא — אָט דעם דאָזיגען „העלד" דראָהט איצט צו פערלירען זיינע פּריווילעגיעס.

מען האָט שוין אין פערשידענע לענדער פון אייראָפּאַ און אויך ביי אונז שטאַרק „רעפאָרמירט" די גרונד-געזעצען — די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט און גאַראַנטיעס פאַר דער בירגער-פרייהייט, נאָר די אויטאָנאָמיע פון די הויכשולען, וועלכע איז צולעצט אויסגענוצט געוואָרען, איז געבליבען אומבערירט.

ווייל מען אָבער איצט די דאָזיגע אויטאָנאָמיע „רעפאָרמירען", שרייען די אַפּאָסטאָלען פון דער רעאַקציע פון אַלע לענדער פון מזרח און צענטראַל-אייראָפּאַ, אַז די וויסענשאַפט איז „אין געפאַהר".

די געפּלאַנטע רעפאָרמען וועלען אָבער האָפענטליך פונקט פערקעהרט דווקא מיטווירקען צו הייבען דעם אויטאָריטעט פון דער וויסענשאַפט און איהרע טרעגער און צו זיכערען די רוהע פון דער שטודיום-אַרבייט.

סיי פאַר די פּראָפעסאָרען, סיי פאַר די סטודענטען מוזען אָנגעצייכענט ווערען געזעצליכע ראַמען, כדי די הויכשולען זאָלען נישט ווערען צו שאַנד און צו שפּאָט.

א. צינצינאַטוס

דער הונגער-מאַרש אויף לאָנדאָן

דער מצב פון אַרבייטסלאָזיגקייט אין ענגלאַנד

אויף אַנ'אַנדער אָרט ברענגען מיר די פּרטים וועגען די דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבייטסלאָזע, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקען ענגלאַנד קיין לאָנדאָן, כדי צו פּראָטעסטירען געגען דער פערקלענערונג פון די אונטערשטיצונגען. צעהנדליגער טויזענדער אַרבייטסלאָזע האָבען זיך געלאָזט צופוס פון אַלע זייטען און זענען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, בילדענדיג אַ בעדייטענדע געפאַהר פאַר דער אָרדנונג אין דער הויפּטשטאָט. עס איז שוין געקומען צו צוזאַמענשטויסען, עס זענען שוין פערהאַן פיל פערוואונדעטע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גרויסען מאַרש פון די אַרבייטסלאָזע אויף לאָנדאָן איז אינטערעסאַנט צו זעהן אין וואָסער מצב עס געפינט זיך ביים היינטיגען טאָג די אַרבייטסלאָזיגקייט אין ענגלאַנד.

אין מערב-אייראָפּאַ בכלל צייהלט די צאָהל אַרבייטסלאָזע אַנ'ערך 11 מיליאָן. אין די פעראייניגטע שטאַטען פון צפון-אַמעריקאַ בילדעט די צאָהל אַרבייטסלאָזע אויך אַנ'ערך 11 מיליאָן, ד. ה. כמעט איין צוועלפטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. אין מערב-אייראָפּאַ, איז פון פופצעהן מאַן איינער אַרבייטסלאָז. אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד איז איינער אויף צוועלף אַרבייטסלאָז. אויב מען זאָל נעהמען אין אַכט, אַז אַט דער איינער איז אַ דערוואַקסענער מענש אין בעסטען עלטער, דאַן בעקומט די ציפער פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט אַ בעזונדערס שרעקליכען כאַראַקטער. יעדער אַרבייטסלאָזער האָט בשעתו דערנעהרט נאָך עטליכע מענשען. איז נישט גאָר ער האַלט קיינעם נישט אויס, נאָר ער מוז אַליין אָנקומען נאָך שטיצע.

אין ענגלאַנד איז פערהאַן העכער א האַלבען מיליאָן אַרבייטסלאָזע, וועלכע זענען געוואָרען אייגענאַרטיגע פענסיאָנערען פון דער מלוכה, א בעזונדערער שיכט. זיי בעקומען אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג, זיי וואוינען אין הייזלעך נעבען די פאַבריקען, וואָס זענען שוין פון לאַנג לעהר און וויסט, זיי קאָנען זיך אין ערגיץ נישט ריהרען זיי ווייסען ווירקליך נישט, וואָס צו טון, כדי צו בעקומען וואָסער עס איז נישט אַרבייט, ווייל די אונטערשטיצונג, וועלכע זיי קריגען איצט פון דער מלוכה, איז גענוג אויף נישט צו שטאַרבען, אָבער נישט אויף צו לעבען.

צעהנדליגער און הונדערטער טויזענטער קויהלענגרעבער, וועלכע זענען אַמאָל געווען אויסגעצייכענטע אַרבייטער אויף זייער געביט, געפינען זיך איצט אין אַזאַ מצב און העלפען זיי ענדערען די לעבענס-בעדינגונגען אָהן וועלכע ס'איז געוואָלדיגע אַלגעמיינע ענדערונגען איז לחלוטין אוממעגליך. די ענגלישע אינדוסטריע האָט מעהר ווי אויף דער העלפט געאַרבייט פאַר'ן אויסלענדישען עקספּאָרט. און ווען דער עקספּאָרט איז פערקלענערט געוואָרען ביז צום מינימום און ס'איז נישטאָ קיין האָפנונג ער זאָל ווידער אויפלעבען, זענען די אַרבייטסלאָזע פעראורטיילט אויף אַ לאַנגער, אויב נישט אייביגער אַרבייטסלאָזיגקייט. קיין לענדער, וואוהין זיי זאָלען קאָנען איבערוואַנדערען, וואו זיי זאָלען קאָנען קריגען אַנ'אָנווענדונג פאַר זייערע כוחות און קענטענישען, זענען נישט פערהאַן. די האָפנונג אויף כינע און אויף סאָוויעטען-רוסלאַנד זענען שוין פון לאַנג אַוועקגעוואָרפען געוואָרען. איבעראַרבייטען הונדערטער טויזענטער בערג-אַרבייטער און מעטאַליסטען, וועבער און שפּינער אין לאַנד-אַרבייטער, דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַנ'אוממעגליכע אויפגאַבע, יעדענפאַלס פאַר ענגלאַנד. אין דייטשלאַנד האָט מען אונטערגענומען אַ קאָנטינגענטירונג פון אויסלענדישען אימפּאָרט. איינע פון די וויכטיגסטע צילען פון אָט דער פּאָליטיק איז די שטרעבונג צו דערגרייכען אַ זעלבסט אויסקום אין דער לאַנדווירטשאַפט און ריכטען אַהין אַ בעדייטענדע צאָהל אַרבייטסלאָזע. און עס איז אַ צווייפעל, צי וועט אפילו די דייטשען געלינגען צו פערוואַנדלען אין לאַנדאַרבייטער עטליכע מיליאָן שטאָדטישע אַרבייטער. פיל ערגער איז די לאַגע אין ענגלאַנד, די לאַגע פון די אַרבייטסלאָזע איז כמעט פולקאָם האָפנונגסלאָז, און דאָס ברענגט, ווי מיר הערען לעצטענס גאַנץ אָפט, צו עקסצעסען פון אַרבייטסלאָזע אין פערשידענע אינדוסטריעלע צענטערס פון לאַנד, דאָס האָט געבראַכט צום הונגער-מאַרש פון די אַרבייטסלאָזע אויף לאָנדאָן און צו די בלוטיגע געשעהענישען, וועלכע האָבען זיך דאָרט גענומען אָפּשפּילען.

פּראָפ. איינשטיין פערלאָזט דייטשלאַנד

וואָס האָט בעוואויגען דעם גענילען געלעהרטען אָנצונעהמען די איינלאַדונג פון אַמעריקאַ?

שוין נישט איין מאָל האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז דער גרעסטער פיזיקער פון אונזער צייט, דער געניאַלער געלעהרטער אַלבערט איינשטיין האָט בדעה צו פערלאָזען דייטשלאַנד און זיך בעזעצען אין אַמעריקאַ. יעדעס מאָל זענען אָבער די קלאַנגען אָבגעלייקענט געוואָרען. איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז די ידיעות זענען געווען אמת און די רייזע פון פּראָפ. איינשטיין קיין אַמעריקאַ ווערט ווירקליך רעאַליזירט. איינשטיין האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון פּרינסטאָנער אוניווערזיטעט און פאָהרט אַוועק קיין אַמעריקאַ. וועגען דער רייזע האָט דאָס פּרייסישע בילדונגס-מיניסטעריום זיך געאיילט מיטצוטיילען, אַז איינשטיין בלייבט אַ מיטגליד פון דער פּרייסישער וויסענשאַפטליכער אַקאַדעמיע, אַז ער פאָהרט אַוועק בלויז אויף איין ווינטער און אַז אויף דער צייט זאָגט זיך דער גרויסער געלעהרטער אָפּ פון זיין פּענסיע, וועלכע וועט פערנוצט ווערען אויף וויסענשאַפטליכע צוועקען.

אין די אַקאַדעמישע קרייזען גיט מען איבער, אַז איינשטיין פאָהרט קיין אַמעריקאַ, ווייל ער וויל זיך געפינען נעהנטער צום אָרט, וואו איניגע אַמעריקאַנער געלעהרטע, געפינענדיג זיך שטענדיג אונטער דעם אייביג לויטערען הימעל פון קאַליפאָרניען, האָבען געמאַכט אַ רייה זעהר סענסאַציאָנעלע ענטדעקונגען, וואָס האָבען אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג פאַר דער רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע.

עס איז נישטאָ קיין גרונד צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון די דאָזיגע מיטטיילונגען, עס זענען אָבער אויך פערהאַן אַנדערע סיבות, וואָס האָבען בעוואויגען דעם געניאַלען געלעהרטען אָנצונעהמען זיין בעשלוס מכוח פערלאָזען דייטשלאַנד און זיך בעזעצען אין אַמעריקאַ. ערשטענס איז דייטשלאַנד איצט נישט אימשטאַנד אַוועקצושטעלען דעם בעריהמטען געלעהרטען אין אַזעלכע מאַטעריעלע בעדינגונגען, ביי וועלכע ער זאָל קענען רוהיג און נישט געשטערט פיהרען זיין וויסענשאַפטליכע אַרבייט און פאָרשונגען. מען ווייזט דערביי אָן, אַז דייטשלאַנד געפינט זיך אין אַ שווערען עקאָנאָמישען מצב, אַז די וויסענשאַפטליכע בודזשעטען ווערען געשניטען, אַז אין דערזעלבער לאַגע ווי איינשטיין געפינען זיך אויך פיל אַנדערע געלעהרטע. דערויף קאָן מען נאַטירליך ענטפערען, אַז פאַר אַ געלעהרטען וואָס פערנעהמט אַ נאָר אויסנאַהמס-ווייזע שטעלונג און האָט אַ גאָר בעזונדערע בעדייטונג פאַר דער וויסענשאַפט וואָלט מען געמעגט מאַכען אויסנאַהמס-ווייזע בעדינגונגען און נישט דערפיהרען איהם דערצו, ער זאָל מוזען אַרומפאָהרען איבער אייראָפּאַ און האַלטען פּאָפּולערע פאָרטראַגי'ן, כדי צו קענען זיך אויסהאַלטען און פערדינען אויפ'ן לעבען. עס דאַרף נאָך אָנגעוויזען ווערען, אַז דער ביוראָקראַטישער פינאַנץ-אַמט, וועלכער שטעהט אויפ'ן באָדען פון פולער גלייכהייט פאַר אַלעמען און וויל נישט אָנערקענען, אַז איינשטיין האָט גאַנץ בעזונדערע פערדינסטען פאַר דער דייטשער וויסענשאַפט, האָט געוואָלט אפילו אַרויפלעגען די האַנד אויף איינשטיינס אויסלענדישע פערדינסטען און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיגען פּלאַן ערשט ווען פון אַלע זייטען האָבען זיך דערהערט גאַנץ ענערגישע פּראָטעסטען.

אָבער עס האַנדעלט זיך נישט בלויז וועגען פּרייסישען ביוראָקראַטיזם, נאָר אויך אין יענע געזעלשאַפטליכע שטימונגען, וואָס הערשען איצט אין דייטשלאַנד און בעזונדערס אין די אַקאַדעמישע קרייזען, סיי צווישען די סטודענטען, סיי צווישען די פּראָפעסאָרען, וועלכע זענען אַלע אָהן אויסנאַהם אָנגעשטעקט מיט דער נאַציאָנאַליסטישער דעמאַגאָגיע. עס דערגעהט אַזוי ווייט, אַז מ'אינטערעסירט זיך שוין מעהר מיט דער אָפּשטאַמונג פון דעם אָדער יענעם געלעהרטען, איידער מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען און פערדינסטען. אָט די שטימונגען, די אַטמאָספער, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער דייטשער וויסענשאַפט און וואָס מאַכט מאָראַליש אוממעגליך צו אַרבייטען, האָט עס אין אַ בעדייטענדער מאָס בעוואויגען דעם גרויסען געלעהרטען צוצואיילען זיין בעשלוס און אָנצונעהמען די אָפערטע פון דער אַמעריקאַנער וויסענשאַפטליכער וועלט. ווייל שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם, אַז אין אַמעריקאַ וועט איינשטיין געשטעלט ווערען אין אידעאַלע בעדינגונגען.

(ווייטער זעה 9-טע זייט).

לענין אנטלויפט פון פעטראגראד

(בילדער און סצענעס פון דער רוסישער רעוואלוציע)

לעאָן טראָצקי דערצעהלט ווייטער אין זיינע מעמואַרען:

אין דער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספערע פון די יולי־טעג אין 1917 האָט דאָס געשריי, אַז לענין איז אַ דייטשער שפּיאָן, געקאָנט אויפטון וואונדער פאַר קערענסקין און געקאָנט ברענגען צו דער צושטערונג פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. און דאָס האָט דאָך געוואָלט קערענסקי.

אַ געוויסער ז. בורשטיין, אַ סוחר לויט זיין שטאַנד, האָט געעפענט די אויגען פון דער קערענסקי־רעגירונג אויף אַ „דייטשע שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע אין שטאָקהאָלם, שוועדען, מיט פאַרוואוס'ן בראש" (פאַרוואוס איז געווען אַ באַקאַנטער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט, און לויט זיין אָפּשטאַמונג אַ יודישער מענשעוויק פון רוסלאַנד). ווי אַזוי דער בורשטיין האָט עדות געזאָגט, איז לענין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע דורך דער פּערמיטעלערשאַפט פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערען: גאַנעצקי און קאָזלאָווסקי.

קערענסקי האָט פאַראויס געוואוסט, אין וואָס אַט די מאַטעריאַלען האָבען געדאַרפט פאַרוואַנדעלט ווערען.

די עדות־זאָגונג פון דעם סוחר בורשטיין האָט געהאַט צו טון מיט די געשעפטליכע ענינים, וואָס גאַנעצקי און קאָזלאָווסקי האָבען געפיהרט צווישען פעטראָגראַד און שטאָקהאָלם. די דאָזיגע מלחמה־האַנדעל, וואָס האָט צייטענווייז זיך באַנוצט מיט שיפרירטע (געהיימע) בריף האָט קיין שייכות נישט געהאַט צו פּאָליטיק.

אָבער ווער האָט עס געהאַט צייט אין דעם קעסעל־גרוב פון די געשעהענישען אויסצוגעפינען וואָס און ווען? אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע אין שטאָקהאָלם — דאָס האָט געקלונגען זעהר באַטיידליך. אַזוי אַרום האָט דאָס פייער, וואָס די האַנד פון יערמאַלענקאַן האָט אָהן דערפאָלג אָנגעצונדען אין איין אָרט, אויפגעפלאַקערט מיט מעהר דערפאָלג אין אַן אַנדער אָרט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך די אויספאָרשונג געצויגען נאָך דעם שטאָקהאָלמער שפור.

אָבער ווי אַזוי האָט עס בכלל געקאָנט פאַסירען, אַז אין דרוק זאָלען אַריינפאַלען די מאַטעריאַלען פון אַן אויספאָרשונג, וואָס איז נאָך נישט געווען געענדיגט און האָט נאָך גאָרנישט געהאַט פעסטגעשטעלט? ווי אַזוי האָט עס אויך געקאָנט פאַסירען, אַז די דאָזיגע מאַטעריאַלען זאָלען דערשיינען אין די צייטונגען פונקט אין דעם מאָמענט, ווען קערענסקיס צושמעטערטע אָפענסיווע געגען דייטשלאַנד אויפ'ן מיליטערישען פראָנט האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אַ קאַטאַסטראָפע. איינער פון די הויפּט־מאַכערס אין אָט דעם גאַנצען עסק, דער גענעראַל־פּראָקוראָר בעסאַראַבאָוו, האָט עס שפּעטער אַליין דערצעהלט אין דער פּרעסע.

ער האָט געשריבען, אַז ווען עס איז געוואָרען קלאָר, ווי שוואַך עס איז די קערענסקי־רעגירונג אין פעטראָגראַד, ווי ווייניג זי קאָן זיך שטיצען אויף בעוואָפענטער מאַכט, איז עס בעשלאָסען געוואָרען אין די פערשידענע הויפּט־קוואַרטירען צו זעהן בעשאַפען אַ פּסיכאָלאָגישע ענדערונג צווישען דעם מיליטער — מיט דער הילף פון עפּעס אַ שטאַרקער מעדיצין.

דאָך, עס האָט געפעהלט נאָך איין פּערזאָן, וואָס זאָל צוגעבען געוויכט צו דעם גאַנצען עסק. מען האָט געדאַרפט האָבען אַ „פּאָליטישע פיגור", כדי דער בלבול זאָל קאָנען פאַרשפּרייט ווערען אויף דעם געהעריגען אופן. די דאָזיגע „פּאָליטישע פיגור" איז אויך געפונען געוואָרען. מען קאָן זאָגען, אַז אין דעם ריכטיגען מאָמענט האָט זיך געוויזען פונקט דער מענש, אין וועלכען מען האָט זיך גענויטיגט.

דאָס איז געווען אַלעקסינסקי — אַ בעקאַנטער אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט. אַ געוועזענער טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, אַ מיטגליד פון דער צווייטער דומע, אַ ליידענשאַפטליכער ליבהאָבער פון אינטריגעס, איז אַלעקסינסקי אַמאָל געשטאַנען אויף דעם עקסטרעם־לינקען ברעג פון די באָלשעוויקעס. לענין איז אין זיינע אויגען געווען אַ האָפנונגסלאָזער אָפּאָרטוניסט — אַ צווייטער פּשרה־מאַכער. אין די יאָהרען פון דער רעאַקציע, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט אַלעקסינסקי בעשאַפען אַ ספּעציעלע עקסטרעם־לינקע גרופּע, פון וועלכער ער איז געווען דער אָנפיהרער ביז דער מלחמה. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך אַלעקסינסקי איבערגעקוליעט, געוואָרען אַ פלאַמענדיגער פּאַטריאָט, און זיך גלייך געמאַכט פאַר אַ ספּעציאַליסט צו בעשולדיגען יעדען און אַלעמען אין פאַרקויפטקייט צום קייזער. אויף אָט דעם פעלד האָט ער ענטוויקעלט אַ פאַרשפּרייט שפּיאָנאַזש־געשעפט אין פּאַריז, וואו זיינע אַרויסהעלפערס זענען געווען רוסישע און פראַנצויזישע פּאַטריאָטען פון דעם זעלבען שניט. די פּאַריזער געזעלשאַפט פון אויסלענדישע זשורנאַליסטען, — האָט געפונען פאַר נויטיג אַרויסצולאָזען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, אין וועלכער אַלעקסינסקי איז דערקלערט געוואָרען פאַר „אַן אומעהרליכער פאַרלוימדער". די געזעלשאַפט האָט איהם טאַקע אַרויסגעוואָרפען פון איהרע רייהען.

ווען אַלעקסינסקי איז מיט אַזאַ רעפּוטאַציע געקומען קיין פעטראָגראַד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, האָט ער אַלס אַ געוועזענער לינקער געמאַכט אַ פרוּוו אַריינצוקריכען זיך אין עקזעקוטיוו פון די סאָוויעטען. נישט־קוקענדיג אויף זייער גאַנצער טאָלעראַנץ, האָבען די מענשעוויקעס און עס־ערן פאַרמאַכט די טיר פאַר איהם. אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע, וואָס זיי האָבען אָנגענומען דעם 11. אַפּריל, האָבען זיי אַלעקסינסקין געראַטען, אַז ער זאָל קודם־כל זעהן צוריקצושטעלען זיין עהרע. דאָס איז געווען לייכטער פאָרצושלאָגען ווי דורכצופיהרען. אַלעקסינסקי האָט, ווייזט אויס, בעשלאָסען, אַז ער טויג זיך בעסער צו בעשמוצען אַנדערע, איידער זיך אַליין אָפּצורייניגען. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער שפּיאָנאַזש־ביוראָ, כדי צו בעקומען אַ גאַר ברייט פעלד פאַר זיינע אינטריגאַנטישע נייגונגען. אָט דער אַלעקסינסקי האָט עס צוגעלייגט זיין חתימה צו די דאָקומענטען, וואָס האָבען ענטפּלעקט פאַר דער וועלט, אַז לענין און זיינע מענשען זענען אַגענטען פון דייטשען גענעראַל־שטאַב און דעם קייזער'ס בעצאָהלטע משרתים.

לענין איז געווען זיכער, אַז דער שונא איז פעהיג דורכצופיהרען ביז'ן סוף דעם פּלאַן, וואָס זיי האָבען אויסגעטראַכט, און ער האָט בעשלאָסען צו טון אַלץ נישט אַריינצופאַלען אין דעם שונא'ס הענד.

דעם 6. יולי אין אָוונט איז קערענסקי אָנגעקומען פון פראָנט, ער איז געווען אָנגעלאָדען מיט די עצות פון די צאַרישע גענעראַלען. ער האָט גלייך געפאָדערט — אין דער ערשטער רייה — די שטרענגסטע מיטלען געגען די באָלשעוויקעס. אַרום 2 אַ זייגער פאַרטאָג האָט די רעגירונג בעשטימט צו שטעלען צום געריכט אַלע פיהרער פון בעוואָפענטען אויפשטאַנד און פונאַנדערצולאָזען די רעגימענטען, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין דער דעמאָנסטראַציע.

אַ מיליטערישע אָפּטיילונג איז טאַקע באַלד געשיקט געוואָרען אין לענינס וואוינונג מיט אַ בעפעהל צו מאַכען אַ הויז־זוכונג און איהם אַרעסטירען. די סאָלדאַטען האָבען זיך אָבער געמוזט בעגנוגענען בלויז מיט דער הויז־זוכונג. אַן אַרעסט האָבען זיי פאַרשפּאָרט צו מאַכען — לענין איז שוין געווען אַוועק פון זיין היים. ער איז נאָך פאַרבליבען אין פעטראָגראַד אָבער ער האָט זיך בעהאַלטען אין אַן אַרבייטער'ס וואוינונג.

לענינס פאַרשווינדונג האָט אין יענער צייט אַרויסגערופען געמישטע געפיהלען אַפילו ביי לינקע סאָציאַליסטען. לענינס פּסיכאָלאָגיע איז געווען אַ גאַנץ פּשוט'ע. לענין האָט געוואוסט, אַז זיין לעבען איז אין געפאַהר. ער האָט געפיהלט די היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ליגט אויף איהם. ער האָט געקאָנט ציהען אַלע שלוסען פון אַ בעשטימטער לאַגע. ער האָט געפיהלט, אַז כדי צו בלייבען לעבען מוז ער זיך קודם כל ראַטעווען היינט פון דער טויט־סכנה, מיט וועלכער זיינע שונאים האָבען איהם געסטראַשעט יעדע מינוט.

צוזאַמען מיט זינאָוויעוו'ן האָט לענין פאַרבראַכט עטליכע וואָכען אין אַ וואַלד נעבען סעסטראָרעטסק, נישט ווייט פון פעטראָגראַד. זיי האָבען געמוזט שלאָפען און געפינען שוץ געגען רעגען אונטער סטויגען היי. דערנאָך איז לענין, אַ פאַרשטעלטער פאַר אַ לאָקאָמאָטיוו־הייצער, אַריבער קיין פינלאַנד, וואו ער האָט געוואוינט פריהער אין העלסינגפאָרס און שפּעטער אין וויבאָרג. פון סוף סעפּטעמבער האָט ער געהיימערהייט געלעבט אין פעטראָגראַד. אין טאָג פון דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד איז ער, נאָך קנאַפּע 4 חדשים, ווידער אָפען אַרויס אויף דער היסטאָרישער אַרענע.

„פשעמישל" אין עהרען געפאַלען"

אַ ביסעל זכרונות פון דער בעלאַגערונג פון פשעמישל

אין בודאַפּעשט איז פייערליך בעעהרט געוואָרען דאָס אָנדענק פון די העלדען וואָס זענען געפאַלען ביי דער פאַרטיידיגונג פון פשעמישל. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ברענגען מיר אַ ביסעל זכרונות פון יענע שרעקליכע טעג.

דעם 2־טען אָקטאָבער 1914 זענען די ווייניגע איינוואוינער פון פשעמישל געווען עדות פון אַזאַ בילד. צום הויז, וואו עס האָט זיך געפונען די פעסטונגס־קאָמאַנדאַ איז צוגעפאָהרען אַ אויטאָ, אין וועלכען עס איז געזעסען אַ העכערער רוסישער אָפיציר מיט צוגעבונדענע אויגען און נעבען איהם עטליכע עסטרייכישע אָפיצירען.

געווען איז דאָס אַ רוסישער פּאַרלאַמענטאַריער פון גענעראַל־שטאַב פּולק. וואַנדערס, וועלכער האָט געבראַכט אַ בריף פון רוסישען קאָמענדאַנט, דעם בולגאַרישען גענעראַל ראַדקאָ דימיטריעוו מיט דער אויפאָדערונג צו קאַפּיטולירען. „דאָס מזל האָט פאַרלאָזען די קייזער־קעניגליכע אַרמעע"... אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען דער בריף.

געווען איז דאָס אַרום צוויי אַ זייגער ביי טאָג. דער פּאַרלאַמענטאַריער האָט נישט לאַנג געוואַרט אויף תשובה. דער קאָמענדאַנט פון פשעמישל גענ. קוסמאַנעק האָט געענטפערט שנעל און קורץ: „איך האַלט אונטער אייך כבוד צו געבען אַ מערטאַרישע תשובה אויף אייער בעליידיגענדער פאָדערונג".

פון דעם מאָמענט זענען שוין פערביי 18 יאָהר. עס האָט דאַמאָלס זיך אָנגעהויבען די פאַקטישע בעלאַגערונג פון פשעמישל, וואָס האָט אָנגעהאַלטען מיט אַ קליינער הפסקה ביז'ן 22־טען מערץ 1915. מזרח־גאַליציען איז געווען אָקופּירט דורך די צאַרישע סאָלדאַטען, בלויז פשעמישל האָט זיך געהאַלטען.

גענ. ראַדקאָ־דימיטריעוו האָט בעשלאָסען צו נעמען פשעמישל מיט איין קלאַפּ. דער זיגער ביי קירקיליס און אַדריאַנאָפּאָל איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס וועט איהם געלונגען. קאַנאָנען־פייער האָט ער געהאַט גענוג, די מאַסקאַליעס זענען געווען בעגייסטערט פון אונעוואַרטעטען זיג איבער דער עסטרייכישער אַרמעע און פון איהר פּאַנישען ריקצוג.

דעם 4־טען אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבען דער גענעראַל־אָנגריף אויף פשעמישל בפרט אויף די דרום'דיגע פאָרטען. 72 שעה זענען אונטער אונאונטערבראַכענעם האַרמאַטען פייער געגאַנגען געדיכטע ליניעס פון רוסישען מיליטער אין די הענד פון אייזערן־בעטאָניגען מלאך המות. זיי זענען געגאַנגען אָהן אויפהער, פאַלענדיג ווי זאַנגען אונטער אַ קאָסע. עס האָט אויסגעזעהען, אַז די מאַסע פון רוסישען מיליטער איז אַריינגעפאַלען אין אַ שגעון. מיט די היטלען האָבען זיי צוגעדעקט די אויגען כדי נישט צו זעהען פאַר זיך דאָס גיהנום. זיי האָבען אַוועקגעוואָרפען די געוועהרען און פאַרגערוקט מיט געבייילטע פויסטע פאָראויס.

די מעטאָדע פון וואַרפען מאַסען אין פייער, וואָס האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען אין באַלקאַנישען קריג, האָט אונטער פשעמישל פערזאָגט: די פעלדער פון די פשעמישלער פאָרטען זענען בעדעקט געוואָרען מיט 40 טויזענד רוסישע געפאַלענע און פערוואונדעטע, 20 טויזענד זענען גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. אַזוי פיל קרבנות האָט אָפּגעקאָסט די 72־שעה'דיגע אָנגריף פון גענ. ראַדקאָ־דימיטריעוו.

דאַן איז געקומען אַ צייטווייליגע בעפרייאונג פון פשעמישל און דאַן נייע בעלאַגערונג. דער נייער רוסישער קאָמענדאַנט גענ. סעליוואַנאָוו האָט בעשלאָסען צו נעמען די פעסטונג מיט הונגער. עס האָבען זיך אָנגעהויבען לאַנגע מאָנאָטאָנע טעג און חדשים מיט שיסעריי, מיט קליינע קריגערישע עפּיזאָדען, מיט נישט געלונגענע עקסקורסיעס פון עסטרייכישע אָפּטיילונגען, און צום סוף די הונגער־קאָנוואולסיעס פון פשעמישל.

דורך די געסלעך פון דער שטאָט, האָבען זיך געצויגען געשפּענסטער פון אָפּגעריסענע מענשען, וועלכע האָבען אויסגעשטרעקט די האַנד נאָך אַ שטיקעל ברויט. פשעמישל האָט לאַנגזאַם געגוססט, האָט נאָך געגלויבט אין הילף און זיך געוואָרפען אין קאָנוואולסיעס. עס זענען אָפּגעפאַלען די הענד פון בעגראָבען די מתים און אין פשעמישלער רינג־פּלאַץ האָט די מיליטער־מוזיק געגעבען קאָנצערטען.

ענדליך דעם 19־טען מערץ 1915 איז געקומען דער לעצטער יאוש־אַקט, די זיגלאָזע עקסקורסיע אין דער ווייט פון מעדיקאַ און דאַן דער דערשראָקענער פינאַל, דעם 22־טען מערץ: „פשעמישל אין עהרען געפאַלען".

פשעמישל האָט די גאַנצע צייט בעזעסען די הויכע קריגס־טעכניק פון די עסטרייכער, וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט נישט פערמאָגט. אַ דאַנק דעם, איז פשעמישל געווען איינע פון די שטאַרקסטע עסטרייכישע פעסטונגען. זי איז געווען אַרומגערינגעלט פון צוויי רינגען מיט פאָרטען, פון וועלכע דער ערשטער רינג האָט פון דרויסען געבילדעט אַזאַ שטאַרקע אָבצוימונג, וואָס כדי זי צו פערניכטען האָט מען געמוזט האָבען נאָר עסטרייכישע אָדער דייטשע האַרמאַטען, וועלכע די רוסישע אַרמעע האָט נישט פערמאָגט. דאָס איז געווען אַ גרויס ראָד פון גיגאַנטישע פאָרטען אויס בעטאָן און אייזען מיט בעוועגליכע געפּאַנצערטע טורעמס, און וועלכע עס האָבען זיך געפונען ווייטשיסענדיגע האַרמאַטען. אַ דאַנק זיי האָט די רוסישע אַרטילעריע געמוזט שטעהען ווייט און ווייטערע גראַנאַטען האָבען געקאָנט דערגרייכען די שטאָט.

בלויז צוויי מאָלען זענען געווען, ווען די שטאָט איז בעדראָהט געווען פון אַ בעשיסונג: דאָס ערשטע מאָל, ווען באַלד אין אָנהויב פון דער בעלאַגערונג האָט איין רוסישע באַטעריע אונבעמערקט זיך אַריינגעגנב'עט צווישען די פאָרטען און פון דאָרט אָנגעהויבען בעשיסען די מזרח'דיגע פעריפעריעס פון דער שטאָט, און דאָס צווייטע מאָל צום סאַמע סוף פון דער בעלאַגערונג, ווען די רוסישע קאָמענדע האָט אַראָפּגעבראַכט שיף־האַרמאַטען, וואָס האָבען מיט זייערע שאָסען דערגרייכט ביז צו די בריקען אויפ'ן סאַן.

אַ חוץ די הויפּט־פאָרטען זענען נאָך געווען צווישען־פאָרטען. אויך מיט אונטערערדישע בעהעלטענישען און אַרטילעריע, און פאַר זיי האָבען זיך געצויגען לאַנגע שיצען־גראָבענס מיט דראָהט־פאַרצוימונגען, מינען־פעלדער, גרובער א. אַז. וו.

דער קערן פון מענשען־מאַטעריאַל איז בעשטאַנען פון די מזרח־גאַליצישע רעגימענטער, די האָבען געטראָגען שוואַרצע מאַנטלען מיט אַלטע געוועהרען. אָט די בעוואַקסענע יידעס האָבען געבילדעט אַ בעוואונדערטע גרופּע פון גענ. ניקעל. בעת דער צווייטער בעלאַגערונג האָט מען נאָך איבערגעלאָזען אין פשעמישל אַ לאַנד־וועהר־בריגאַדע — דעם 19־טען לאַנד־וועהר־רעגימענט פון לעמבערג און דעם 35־טען לאַנדוועהר־רעגימענט אין זלאָטשאָוו. דערונטער זענען געווען פיל יודען.

פון אונגאַרישען מיליטער האָט אין דער בעזיצונג פון פשעמישל זיך בעטייליגט אין האָנוועד־דיוויזיע. אַ חוץ דעם אַן אַרבייטער־בריגאַדע פון 30 טויזענד מאַן, הויפּטזעכליך מאַדיאַרען. דאָס זענען געווען האַלבע ציוויליסטען און האַלבע סאָלדאַטען, טיילווייז אין ציווילע צום טייל אין מיליטערישע קליידער. זיי האָבען געדאַרפט אויספיהרען די פאָרטיפיקאַציע אַרבייט. אַלס מיליטערישע קאַמף־אָבטיילונג האָט די אַרבייטער בריגאַדע נישט געהאַט קיין שום ווערט, און צו קיין שום קריגס־אָפּעראַציעס האָט מען זיי נישט געקאָנט בענוצען. דאָס איז געווען אַן אומנוציגער בעלאַסט און אַ קאָסטשפּיליגער וועלכער האָט זיך געלאָזט שטאַרק פיהלען ווען עס האָט געהערשט אַ הונגער. דערצו נאָך איז עס געווען אַ נישט־דיסציפּלינירטע מחנה, וועלכע האָט כסדר זיך בעקלאָגט אויפ'ן מאַנגעל פון עסען.

די העלדען פון פשעמישל זענען געשטאַנען אין די שיצען־גראָבענס אויסגעהונגערטע און פערטיידיג די פעסטונג. הגם זיי האָבען צו יעדער צייט געקאָנט לייכט אַריבערלויפען אין געפאַנגענשאַפט. טשעכען, דייטשען און מאַדיאַרען זענען טאַקע אַריבערגעלאָפען, אָבער זעהר ווייניג פון דער מזרח־גאַליצישער מאַנשאַפט.

ווען מען לייענט היינט וועגען אויפשטעלען אַ דענקמאָל פאַר די אונגאַרישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען פערטיידיגט פשעמישל, דערמאָהנען זיך יענע שרעקליכע טעג און יענע אונבעקאַנטע סאָלדאַטען, וואָס זייער דענקמאָל זענען די קברים אויף די פעלדער אַרום פשעמישל און אין די סטעפּעס פון טורקעסטאַן.

מאַרש פון די ענגלישע אַרבייטסלאָזע קיין לאָנדאָן

קלאַנג־קינאָ־טעאַטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
היינט און פאָלג. טעג!
גרויסע פּרעמיערע!
„ציגיינער־ראָמאַנס"
אין די הויפּט־ראָלען:
BRYGIDA HELM
JÓZEF SCHILDKRAUT
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 נאָכמיטאָג
שבת און זונטאָג 12 א זייגער בײַטאָג.

די האקענקרייצלערישע בעסטיע אין עסטרייך

דאס שטארקע אנוואקסען פון דער אנטיסעמיטישער בעוועגונג. — מען שלאגט יודישע סטודענטען אויף דער אוניווערזיטעט. — די יודישע פראפעסארען זענען טויב און בלינד. — דער פערטרעטער פון דער יודישער קהלה פראטעסטירט אויף א גרויסער פערזאמלונג. — די אוניווערזיטעט איז ווידער געשלאסען. — די אנטיסעמיטישע צייטונגען העצען ווייטער

דער דייטש נויפעל, האט בעזיגט דעם בעריהמטען נעגער־באקסער גענס.

ס'ווערט וואס אמאל ערגער אין עסטרייך, די האקענקרייצלער צו הוליען זיך, וואס מעהר מפלות די היטלעריסטען האבען אין דייטשלאנד, ווילען זיי דיך ביי אונז בוקם זיין. ס'פערגעהט נישט קיין טאג, וואס מען זאל נישט הערען, אדער לייענען פון כוליגאנישע איבערפאלען אויף יודען. די פאליציי שוויגט אבער, פייהער האבען די האקענקרייצלער געשריבען געגען יודען, אויף די פערזאמלונגען האבען זיי געהעצט. איצט הויבען זיי אן שלאגען. זיי איבערפאלען יודען אין די גאסען. ס'קומט אויך פאר, אז א האקענקרייצלער ווארפט זיך מיט א מעסער אויף א יוד און דאס אלץ פאר די אויגען פון דער פאליציי, וועלכע ווערט אויסגעהאלטען פון עפענטליכע געלדער פון אלע שטייער־צאהלער.

וואס טוט דאגעגען די עסטרייכישע רעגירונג? גאר נישט! מען שלאגט דאך בלויז יודען! און וואס געהען זיי שוין אן די יודען?

אויף דער אוניווערזיטעט איז סכנות נפשות צו קומען. ווי די ווילדע חיות איבערפאלען די האקענקרייצלער די יודישע סטודענטען. די אוניווערזיטעט האט דאך אן אויטאנאמיע. דארט איז דאך אנ'ערי מקלט, און די פאליציי דארף אהין נישט ארויפקומען, דארף נישט די שוועל אריבערטרעטען, איידער מען פערלאנגט זי, און ווער זאל די פאליציי רופען? דער רעקטאר, וועלכער איז א צורר היהודים? אדער די פראפעסארען, וועלכע האלטען מיט איהם? אדער אפשר די יודישע פראפעסארען, וועלכע געטרויען זיך נישט א הוי דוואר'ט ארויסצורעדען? א סך מאל האבען די יודישע סטודענטען אפגעהאלטען אסיפות געגען די האקענקרייצלערישע עקסצעסען. האט מען אפשר דאר'ט איינמאל געזעהען די יודישע פראפעסאר'ען? זיי זענען פחדנים און בעהאלטען זיך, זיי מאכען זיך נישט וויסענדיג, ווען מען שלאגט און הרג'עט יודישע סטודענטען, ווען יודיש בלוט רינט אויף דער ווינער אוניווערזיטעט.

מיט א צוויי טעג צוריק האבען דריי יודישע סטודענטען זיך פארגעשטעלט פאר דעם רעקטאר, און האבען זיך ביי איהם בעקלאגט איבער דעם בעסטיאלישען מעשים פון די היטלער'אווצעס. דער סוף איז געווען, אז מען האט זיי געמוזט פינף שעה בעהאלטען אין א זאל, כדי די ווילדע האקענקרייצלער זאלען זיי נישט ממית'ן.

מען פרעגט זיך היינט אין ווין: וואס'ערען סוף וועט דאס נעהמען? ווער וועט ענדליך אויפהער'ען די יודען צו שיצען? מען קאן דאך נישט תמיד לעבען אין פחד און אין טויט־שרעק?

מיטוואך איז אפגעהאלטען געווארען א גרויסע פערזאמלונג וועגען די קהלה־וואהלען, דער זאל פון האטעל „קאנטינענטאל" אין דער טאבאר שטראסע, אין צווייטען בעצירק, איז געווען איבערפולט, כמעט אנדערטהאלב טויזענד מענשען זענען געקומען אין א פראסטען וואכען טאג און האבען ביי דער געלעגענהייט פראטעסטירט געגען דעם רוהיגען פערהאלטען פון דער עסטרייכישער מלוכה.

דער וויצע פרעזידענט פון דער יודישער קהלה ד"ר לעווענהערץ, האט אין זיין רעדע אויך דערצעהלט, ווי מיט צוויי יאהר צוריק, ווען אין פוילען איז געווען אנ'עהנליכע לאגע אויף די אוניווערזיטעטען אין ווארשא און אין לעמבערג. האט מען דארט נישט געשוויגען. די פוילישע רעגירונג האט נישט גלייכגילטיג צוגעקוקט ווי מען שלאגט יודישע סטודענטען און געדראהט מיט די שטרענגסטע מיטלען און געמאכט א סוף צו די אנטי יודישע עקסצעסען. קוים האט דער רעדנער דאס געזאגט, האט דער גאנצער עולם געשריגען: „בראווא" און „הואך פילסודסקי".

ד"ר לעווענהערץ האט פערלאנגט, אז מען זאל אויפהויבען די אויטאנאמיע אויף דער ווינער אוניווערזיטעט, אז די פאליציי זאל ענדליך שיצען די יודישע שטודיר־צאהלער.

מיטוואך האבען די האקענקרייצלערישע בעסטיעס ווידער איבערפאלען יודישע סטודענטען אויף דער אוניווערזיטעט. בשעת דעם געשלעג האט מען צוויי אויסלענדישע סטודענטען בלוטיג געשלאגען.

(פון אונזער ווינער קארעספאנדענט)

איינער איז אן אמעריקאנער, און איינער אנ'ענגלענדער. דער רעקטאר האט נאך דעמזעלבען טאג זיך געמוזט ענטשולדיגען ביי ביידע אויסלענדישע געזאנדטע. מיט בושה און ווייטאג איז דער אנטיסעמיטישער רעקטאר געגאנגען און געמוזט בעטען רחמים פאר זיינע תלמידים. די אוניווערזיטעט האט געמוזט ווידער ווערען געשלאסען.

און די אנטיסעמיטישע האקענקרייצלערישע צייטונגען שרייען און העצען ווייטער.

ד. שמיר.

נישט אלע קינדער, וואס פוילען זיך, זענען פויל

די אורזאכען, וואס מאכען א סך קינדער פאר פוילענצער

האט איהר עפעס א פוילענצער אין אייער פאמיליע? זענט איהר אליין אביסעל גענייגט צו פוילקייט?

פוילקייט איז א מום וואס רעגט אונז אויף, ווען מיר זעהען איהם ביי אנדערע, אבער מיר מאכען זיך איהם נישט זעהען ביי זיך אליין ווען מיר בעמערקען איהם אפילו. גאנץ אפט ווייסען מיר, אז מיר זענען פויל און מיר ווייסען אויך, אז דאס איז א חסרון. מיר ווייסען, אז מיר טאר'ען זיך נישט פוילען; אז מיר האבען עפעס צו טון דארף מען עס נישט אבלייגען אויף שפעטער. גאנץ אפט שעמען מיר זיך פאר זיך אליין פאר אונזער פוילקייט. אין די מערסטע פאלען אבער שעהמען מיר זיך טאקע, אבער... מיר בלייבען ווייטער פויל.

ערשט ווען מיר זעהען פוילקייט ביי אנדערע, ווען אונז דאכט זיך, אז יענעמס פוילקייט קאן שעדיגען אונזער שטאלץ צי אונזער בעקוועמליכקייט אדער אונזער אמביציע, ערשט דעמאלט זעהען מיר וואס פאר א מום דאס איז.

פאר א לעהרער וואס נעהמט ערנסט זיין פראפעסיע און איז שטאלץ מיט זיין גוטער רעפוטאציע, איז א פוילער שילער ווי א דארן אין אויג. בעזונדערס קאן אזא לעהרער נישט פערטראגען אזא פוילען שילער דווקא ווען ער איז בטבע פעהיג. ווארים אין אזא שילער'ס פוילקייט זעהט דער לעהרער א געפאהר פאר זיין גוטער רעפוטאציע, פאר א פאטער וואס טראגט זיך ארום מיט גרויסע פלענער פאר זיין פאמיליע, איז א פויל קינד ווי א פלעק אויף דער פאמיליע'ס נאמען. ווארים אין דער פוילקייט פון זיין קינד דערזעהט ער א געפאהר, אז אלע זיינע אמביציעס און פלענער וועלען צעשטערט ווערען.

וואס טוט הען אזא פאטער נישט כדי ארויסצוטרייבען די פוילקייט פון זיין קינד? ער פרובט איהם בעטען מיט גוטען; ער פרובט מיט בייזען און בעשטראפט איהם; ער פרובט צו טענה'ן מיט שכל צו איהם; ער פרובט איהם אונטערקויפען מיט פערשידענע צוזאגען און בעלוינונגען. אבער זעלטען, אז וועלכעס פון זיי זאל העלפען.

פרעגט זיך: פארוואס העלפען נישט די אלע מיטלען? פארוואס העלפט נישט קיין מורא, קיין שטראף און קיין קלעפ און אויך נישט קיין בעלוינונגען אום ארויסצושלאגען פוילקייט פון א קינד?

ד"ר בלענש א בעקאנטער אויטאריטעט אין קינדער־פסיכאלאגיע, הענקט, אז פוילקייט איז א מום, וואס ווערט ארויסגערופען פון פערשידענע אורזאכען, פיזישע און פסיכאלאגישע, און וויל מען אויסהיילען א קינד פון פוילקייט, מוז מען דעריבער פריהער פון אלץ איהם אונטערזוכען פיזיש און גייסטיג. ווען מען וועט אויסגעפינען די סיבות וואס פעראורזאכען זיין פוילקייט, וועט מען די דאזיגע סיבות קאנען בעזייטיגען און דעמאלט וועט דאס קינד במילא אויפהערען זיין פויל.

פיזישע אורזאכען וואס רופען ארויס פוילקייט זענען פערהאן א סך, און גייסטיגע זענען פערהאן א סך. פיזישע אורזאכען וואס מאכען א קינד אומטעטיג אדער פויל, קאנען אמאל זיין א פערקיהלונג, פיבער, אדער א ספעציעלע קראנקהייט. ווען א קינד איז נאך זעהר קליין און מיר דערזעהען מיט אמאל, אז עס ווערט אפגעלאזען, דרייגעט נישט מיט די פיסלעך, פרובט זיך נישט אויפזעצען און טוט נישט אנדערע זאכען וואס מיר זענען געוואוינט צו זעהען ביי איהם, דאן זאגען מיר נישט, אז דאס קינד איז פויל, נאר מיר דערשרעקען זיך, ווייל אויב א גאנץ קליין קינד הער'ט אויף צו זיין טעטיג, זעהען מיר אין דעם אמת, אז עס איז עפעס נישט מיט אלעמען. ווערט אבער דאס קינד אביסעל עלטער, הערען מיר אויף צו זעהען אט דעם אמת און דעמאלט מיינען מיר, אז דאס קינד איז פויל, ווען פאקטיש איז די פוילקייט נישט מעהר ווי א סימן, אז עפעס איז דער מעהר מיט איהם פיזיש.

אבער דווקא ביי גרעסערע קינדער, בעזונדערס, אין דעם עלטער, ווען זיי וואקסען שנעל, און די יאהרען צווישען זעקס און צעהן, און שפעטער אין דער איבערגאנג־צייט פון קינדהייט צו יוגענט, דערמאלט פערברויכען זיי מעהר ענערגיע. און אט דער פערברויך פון מעהר ענערגיע, מאכט זיי אפט מיד, און ווען זיי פוילען זיך עפעס טון, קומט די פוילקייט פשוט פון דער דאזיגער נאטירליכער מידקייט. דעריבער איז ראטזאם אזוינע קינדער צו געבען מעהר צייט און נישט פערלאנגען פון זיי צופיל. זאל אזא קינד זיך נעהמען צייט צו טאן א זאך און זאל עס האבען גענוג רוה.

דער כלל איז גילטיג פאר די מעהרסטע קינדער אין דעם עלטער. עס זענען אבער נאך פערהאן ספעציעלע אינדיווידועלע פאלען, אזוי, למשל, זענען פערהאן קינדער וואס קומען אויף דער וועלט מיט ווינציג וויטאליטעט אדער מיט שוואכע ארגאנען, און אנדערע וואס פערליר'ען זייער ריהרעווידיגקייט דורך א פארפאל אדער א קראנקהייט. א טייל קינדער ווערען פויל נאר דערפאר, ווייל זיי האבען נישט גענוג בעהרונג, אנדערע, ווייל זיי האבען שלעכטע אויגען אדער אויער'ען. ביי א טייל קינדער קומט די פוילקייט דערפון, וואס זיי זענען צו פעט.

ווען מען זאל פוילע קינדער בעהמען צו ספעציאליסטען, וועט מען אויסגעפינען, אז ביי א טייל פון זיי ארבייטען נישט ווי געהעריג געוויסע דריזען, ביי אנדערע אמאל קאנען די נערווען זיין נישט אין ארדנונג.

ווען מען זעהט דעריבער, אז א קינד אין דער פאמיליע איז פויל, איז די גלייכסטע זאך פריהער עס צו נעהמען צו א דאקטאר, ער זאל עס אונטערזוכען. איז דאס קינד אונטערזוכט געווארען און מען האט אויסגעפונען, אז פיזיש פעהלט איהם גארנישט, דאן מוז מען זוכען פסיכאלאגישע אורזאכען.

די מעהרסטע אורזאכען פון פוילקייט ביי קינדער זענען פסיכאלאגישע. פער'האן פסיכאלאגישע אורזאכען, וואס מען קאן לייכט דערקענען. אזוי, למשל, דערקענט מען גלייך, ווען א קינד פוילט זיך בעוואוסטזיניג, ווייל עס האט מעהר הנאה פון נישט אנשטרענגען די מוסקולען אדער דעם מארך איידער זיי יא אנצושטרענגען. אנדערע קינדער האבען מעהר הנאה בעריכט צו ווער'ען איירער צו בעדינען אנדערע. און אויב שוין יא עפעס טאן, וועט ער גיכער טאן דאס, וואס איהם ווילט זיך איידער דאס, וואס אנדערע הייסען איהם טאן. אזעלכע קינדער זענען סתם עגאאיסטיש און זייער פוילקייט איז א סימן פון זייער זעלבסט־זיכערקייט. זיי זענען אמת'ע פוילאקעס.

עס זענען אבער פערהאן אנדערע קינדער וואס ווערען אנגענומען פאר פויל אבער וועלכע זענען עס בשום אופן נישט.

אזוי, למשל, האלט מען פאר פויל קינדער וואס זענען פערחלומ'ט אדער פערחוש'ט ביים לערנען, און מען שטעלט זיך נישט אפ א טראכט צו טאן, אפשר זענען די קינדער נישט פעראינטערעסירט אין דעם וואס מען לערנט זיי? אפשר צווינגען מיר אויף דעם קינד ארויף זאכען וואס ער וויל נישט, און מען וויל פון איהם מאכען עפעס אזוינס, צו וואס ער האט קיין חשק נישט. און נאך אלעמען זענען מיר נאך נישט זיכער, צי האס וואס מיר ווילען פון דעם קינד איז וויכטיג.

אמאל בעמערקט מען אין אזא זאך: א קינד פוילט זיך און וויל בשום אופן נישט איבערנעהמען דאס וואס מען לערנט איהם. וואס־זשע טוט דער לעהרער? ער בעשטראפט איהם פאר זיין פוילקייט און זעצט איהם אריין אין א נידעריגער'ן קלאס. דער רעזולטאט איז, אז דאס קינד ווערט נאך פוילער און הער'ט אינגאנצען אויף צו לערנען. אמאל אבער פאסירט (כאטש דאס טרעפט זעהר זעלטען), אז ווען א לעהרער זעהט ווי א קינד פוילט זיך, דערהויבט ער איהם און שיקט איהם אין א העכער'ען קלאס, און דארטען פערשווינדט זיין פוילקייט. וואס־זשע איז געשעהען? גאר פשוט: יענער קלאס איז געווען צו־נידעריג פאר דעם יונגעל. האבען איהם די למודים געלאנגווייליגט, און דעריבער האט ער נישט געוואלט קיין קאפ צולייגען. אזוי שנעל אבער ווי מען האט איהם איבערגעפיהר'ט אין א העכער'ען קלאס, וואס איז געווען בעסער צוגעפאסט צו זיינע פעהיגקייטען, האט ער אויפגעהער'ט צו פוילען זיך. דאס הייסט ער האט געקריגען אנ'אינטערעס צו די למודים.

אמאל פוילען זיך קינדער צו טאן א זאך, ווייל זיי ווייסען, אז די זאך וועט קיין נוצען נישט ברענגען. קוים אבער קריגט אזא קינד א ציל, ווערט עס זעהר ענערגיש.

קלארא לעווין.

דער טעלעפאן

(הומארעסקע פון סאוויעט־רוסישען לעבען)

איך האב, ליבע בירגער, דא נישט לאנג מיר אריינגעצויגען א טעלעפאן, ווייל היינטיגע צייטען פון לויפעניש, איז מען אהן א טעלעפאן, ווי אהן א האנד.

א קלייניגקייט, רעדען דורכ'ן טעלעפאן, אדער גלאט אזוי זיך דורכקלינגען מיט עמיצען.

אמת טאקע, עס איז נישטא, וואוהין צו קלינגען, אבער מען דארף דאך נישט פערגעסען, אז מיר לעבען נישט אין ניינצעהנטען יאהר... עס איז נישט, הייסט עס, דאס ניינצעהנטע יאהר, ווען מען האט געקענט זיך בעגעהן אהן א טעלעפאן — זיך אין דער היים, ווער געשוואלען פון הונגער און גאר נישט — שוויג...

היינט, זעהט איהר, מיינע ליבע בירגער, פאר פינף רובעל הענגט מען דיר אויף א טעלעפאן־אפאראט, ממש א צאצקע, ווילסטו — רעדסטו דורכ'ן טעלעפאן, ווילסטו נישט, רעדסטו נישט. קיינער וועט דיך, חלילה, נישט צווינגען. דו קענסט, ווען דו ווילסט, א גאנץ יאהר קיין אין ווא"ט נישט אויסרעדען דורכ'ן טעלעפאן, דער עיקר — צאהל די ממתקים...

די שכנים מיינע האבען זיך, צוליב זייער אומוויסענהייט, א ווארף געטון צו מיר מיט טענות:

— אפשר — זאגען זיי — וועט עס קלינגען ביינאכט, טא זאג זיך בעסער אב פון דער גאנצער מכשפה'קע.

נאר וואס געהט מיר אן די נאכט, אז אפילו דעם גאנצען טאג איז מיין טעלעפאן שטום, ווי אלע שטומע... געוויס האב איך אלע מיינע בעקאנטע פערשריבען אין זייערע נאטיץ ביכלעך דעם נומער פון מיין טעלעפאן, אבער עס זענען אלץ אומפארטייאישע נפשות, ריהרען זיך נישט צו צום טעלעפאן....

אבער גאנץ אומזיסט האב איך פאר'ן טעלעפאן נישט בעצאהלט, עס איז מיר אויסגעקומען איינמאל צו קלינגען וועגען זעהר וויכטיגען ענין. זונטאג איז עס געווען.

איך זיץ אזוי ביי דער וואנד און קלויב בחת פון שענעם אפאראט. פלוצלונג — א קלינגעריי, אז עס האט מיר ממש דעם מוח דורכגעלעכער'ט. דעם אמת זאגענדיג — האב איך מיר א ביסעל דערשראקען.

איך נעהם פארזיכטיג אראב דאס טרייבעל און טו א פרעג:

— האלא, פון וואנען קלינגט מען עס צו מיר?

— דאס קלינגט מען, — הער איך אין טרייבעל — צו אייך דורכ'ן טעלעפאן.

— וואס אזוינס — פרעג איך — האט פאסירט, אז מיטאמאל אזא קלינגעריי צו מיר? און ווער איך בעט אייך, אייער כבוד, געפינט זיך דארט ביים אפאראט?

ביים אפאראט — ענטפערט א שטימע — געפינט זיך אייערע א בעקאנטע פערזאן. קומט צו געהען וועגען א וויכטיגען ענין אין דער שענק, וואס אויף עק פאסאדזקע.

— געזעהען א ביסעל — טראכט איך מיר — סארא בעקוועמליכקייט! ווען איך, למשל, וואלט נישט געהאט קיין טעלעפאן, וואס יואלט די בעקאנטע פערזאן געטון? — זיך טרייסלען א האלבע שעה מיט'ן טראמוויי! און איצט — גאדנישט, שטעהט זיך ביי דער וואנד און שמועסט זיך הדרך מיט מיר.

— האלא — זאג איך — וואס איז דאס פאר א פערזאן, און וואס איז עס פאר א וויכטיגער ענין. צוליב וועלכען איך זאל קומען אין שענק? — אבער דער אפאראט איז מיטאמאל שטום געווארען, מען ענטפער'ט נישט.

טראכט איך מיר — אין שענק וועל איך שוין אלץ דערגעהען.

געקומען אין שענק, קיין עין־הרע אנ'עולם, פול, — אבער קיין איינציגער בעקאנטער.

— בירגער טייערע — בעט איך זיך ביי זיי — ווער האט ערשט געקלונגען אין מיין טעלעפאן און וועגען וואס פאר א ענין — שווייגען זיי אלע ענטפערען נישט א וואר'ט.

— סארא מאדנע זאך — טראכט איך זיך — מען קלינגט אין מיין טעלעפאן, מען רופט מיך ארויס וועגען א וויכטיגען ענין, און דא רופט זיך קיין מענש נישט אב.

זעץ איך זיך צום טישעל און בעשטעל דערווייל א גלעזעלע מיט א צוביס.

— אפשר, טראכט איך זיך — וועט זיך נאך עמיצער מעלדען.

אויסגעטרונקען, צוגעביסען — קיינער האט זיך נישט געמאלדעוועט.

געה איך א היים.

געפין איך אין שטוב א גאנצע איבערקעהרעניש בע'גנבעט האט מען מיך — צוגענומען דעם גראמאפאן, עטליכע לײלעכער, א פאר העמדער. מיט איין ווא"ט מיך געמאכט פאר א „יעל רבית"... לויף איך צו מיין טעלעפאן־אפאראט און איך קלינג אן:

— האללא — זאג איך — פריילין, מעלדעט אין קאמיסאריאט, אז מע האט מיך נאר וואס בע'גנב'עט, אויסגעלעדיגט מיין דירה, זאל מען אויספארשען.

— ענטשולדיגט — פערנומען — בעקום איך א קורצען ענטפער.

ווארט איך א פאר מינוט און קלינג א צווייטען מאל, ענטפערט מיר דאס פריילין:

— דער אפאראט, וואס איהר פערלאנגט איז נישט טעטיג.

סו איך מיר אן אין לויף מיט'ן טראמוויי אין קאמיסאריאט.

מעלדע איך וועגען מיין גנבה, זאגט מען מיר:

— מען וועט די זאך אויספארשען.

— טא זיים אזוי גוט — זאג איך — און קלינגט מיר אן אין מיין טעלעפאן, אין מיין אייגענעם אפאראט.

— מיר האבען נישט קיין צייט צו קלינגען אין טעלעפאנען. מיר וועלען שוין אויספארשען אהן טעלעפאן.

וואס דער סוף וועט זיין, ווייס איך נישט, אבער מעהר האט שוין קיינער נישט געקלונגען צו מיר.

און דער אפאראט הענגט...

בעארבייט: מ. סאלאמאנאוו.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פון האנדעלס-געריכט

2 פירמעס צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט צוליב בייזווילליגע באנקראטען

ווי מ'טיילט מיט, איז אלס יוצא־פרעזעס פון לאדזער האנדעלס־געריכט באַמיבירט געוואָרען דער ריכטער יאַן מאָסקווא, דער ביז־איצטיגער פאָר־זיצער פון דער ציוויל־אָפּטיילונג.

צום האַנדעלס־געריכט איז אויך דעלעגירט געוואָרען דער ריכטער זיגמונד רושקאָווסקי פון קאַלישער קרייז־געריכט און דער ציוויל־אָפּטיילונג איז דעלעגירט געוואָרען דער ריכטער לאַזאַטש פון ראַדאמער קרייז־געריכט.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון האַנדעלס־געריכט, איז פעראָפענטליכט געוואָרען אַן אויפאַדלאַשטש פון דער פירמע משה גאָטעסדינער, פערקויף פון מאַנופאַקטור־סחורה און קאָלדרעס (שרודמיעסקא 3).

גאָטעסדינער אַליין איז פאַרן פעראָפענטליכען דעם אויפאַדלאַשטש אַוועק קיין בעלגיען. זיין פרוי לובא, האָט נאָך איהר מאַנס אַוועקפאָהרען פון לאָדז, געלאָזט די וועקסלען צום פראָטעסט.

איינזעהענדיג, אַז מ'האָט דאָ צו טון מיט אַ בייזוויליגען באַנקראָט, האָט דאָס געריכט בעשלאָסען די שולדיגע צו אַרעסטירען. אַלס קוראַטאָר איז נאָמינירט געוואָרען אַדוו. לעוויטע, און אַלס ריכטער־קאָמיסאַר לעאָן פעליקס.

דער טערמין פון צייטווייליגען פערהענט־ליכען דעם אויפאַדלאַשטש, איז בעשטימט געוואָרען אויפ'ן 23־טען סעפטעמבער ה. י. פון דעם טאָג, ווען ג. איז אַנטלאָפען קיין בעלגיען.

* * *

אַ צווייטער אויפאַדלאַשטש, איז פעראָפענט־ליכט געוואָרען דעם בעקער־בעזיצער פּיאָטר מאַ־קובקא (פּיעטריק. 107).

צוליב דעם חשד, אַז דער באַנקראָט איז אַ בייזוויליגער, האָט דאָס געריכט פעראָרדענט, מאַ־קובקאַן איינצוזעצען אין אַרעסט.

* * *

אין שייכות מיט דעם אויפאַדלאַשטש פון דער פירמע „פנחס גערסאָן" (פּיעטריק. 50) האָט דאָס געריכט בעשלאָסען צו רופען אַ צווייטע פערזאַמלונג פון די קרעדיטאָרען, כדי צו וועהלען אַ סינדיק פון דער אויפאַדלאַשטש־מאַסע. ס'איז אויך בעשלאָסען געוואָרען די קוראַטאָרען־צייט צו פערלענגערען אויף 15 טעג.

* * *

אויף דער ביטע פון ריכטער־קאָמיסאַר, האָט דאָס געריכט דערלויבט צו לאָזען אין גאַנג די לוין־וועבעריי פון דער פירמע „משה לייב אַפּעלדר" (קאָ־פּערניקא 55) אויף 2 חדשים אונטער דער אויפזוכט פון ריכטער־קאָמיסאַר.

* * *

דאָס געריכט האָט נעמען בעטראַכט די ביטע פון דער פירמע „ראָטבערג און אַדלער" (6־טער שטער־פיען 2), אין וועלכער ס'ווערט אַנגעוויזען אויף דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע צוליב דעם, וואָס די פירמע געפינט זיך שוין 2 יאָהר אונטער אויפאַדלאַשטש. די פירמע בעט דערום, אַז דאָס געריכט זאָל בעאויפטראַגען דעם סינדיק, אַרויס־צוגעבען דאָס פערמעגען אָהן דעם היפּאָטעק־אָפּ־צאָהל. די פירמע וועט זיך אָבער פערפליכטען אין משך פון אַ חודש דעם היפּאָטעק־אָפּצאָהל צו בע־צאָהלען.

דאָס געריכט האָט די ביטע אָפּגעוואָגט, ווייל דאָס איז געגען די פאָרשריפטען.

* * *

די וואַרשאַווער פירמע „באָרענשטיין און זילבערבערג" האָט זיך געווענדעט צום געריכט מיט דער ביטע, איינצוזעצען דעם לאָדזער סוחר ש. בוימגאַרטען (פּילסודסקא 57).

דאָס געריכט האָט די ביטע פון דער וואַרשאַווער פירמע אָפּגעוואָרפען.

* * *

אַלס סינדיק פון דער פירמע „י. ראָזענבלאַט" איז נאָמינירט געוואָרען אַדוו. רובין.

15.000 עקסמיסיעס אין לאדז

אין ווארשא פעהלט אויך נישט — 42 טויזענד

(2) לויט צונויפשטעלונגען פון לאָדזער געז. לאַקאַטאָרען־פעראיין, געפינען זיך איצט אין די היגע געריכטען 15.000 אָנקלאַגעס וועגען עקס־מיסיעס.

לויט די זעלבע צונויפשטעלונגען געפינען זיך אין די וואַרשאַווער געריכטען אַנ'ערך 42.000 אַזעלכע אָנקלאַגעס.

אין שייכות דערמיט, ווי אויך מיט אַנדערע לאַקאַטאָרען־ענינים פאָהרט דעם 2. ק. ח. אַרויס קיין וואַרשא (ערב דער עפענונג פון דער סיים־סעסיע) אַ דעלעגאַציע אין בעשטאַנד פון ד"ר אייגער, י. טאָמאַש און באַראַוויאַן.

זיי וועלן אינטערווענירען אין די סיים־קלובען און פעראינטערעסירטע מיניסטעריומס.

DEUTSCHER THEATERVEREIN „THALIA"

היינט, זונטאג, 5.30 אווענט, ווערט אויפגעפיהרט אין „סקאַלאַ־טעאַטער", שרודמיעסקא 15

די הערליכע אָפּערעטע

„א מיידל מיט טעמפּא"

פון מאַקס ריימאַן און אָטטאָ שווארץ. מוזיק פון ווילי ברעטשניידער

רעזשי: אַרטור היינע. מוזיקאַלישע ליימונג: טעאדאר רידער.

בילעטען אין פרייז פון 1–4 זלאָטיס צו בעקומען ביי דער טעאַטער־קאַסע. 6699

אין לאדז איז דורכגעפאלען

א גלענצענד-ארגאניזירטע באנדע פון מענשען=פערגיפטער

(2) די גרעניץ־וואַך איז שוין אַ לענגערע צייט בעשעפטיגט מיט זוכען די שמוגלער און פער־שפּרייטער פון פערשידענע געפעהרליכע נאַרקאָ־טיקען, ווי מאָרפין, קאָקאַין א. אַנד.

די שמוגלער־באַנדע אַרבייט אָבער זעהר פאָר־זיכטיג, און ס'איז געווען אַ גרויסער קונץ צו קו־מען אויף איהרע שפּורען.

לאַנג־לאַנג האָט מען אַפּגעיידט מיט פאַטאָגראַ־פיעס פון כל־ערליי פערדעכטיגע פערשוינען ביז מ'האָט זיך קוף כל סוף אָפּגעשטעלט אויף איינעם קאַראָל ווינלאַך פון קאַטאָוויץ, וועלכען מ'איז אַזוי לאַנג און פאָרזיכטיג נאָכגעגאַנגען, ביז מ'האָט איהם געפּאַקט אין לאָדז ביי אַ געוויסען יוזעף שוואַרץ אין דער וואוינונג (אויף קיליגסקיעגא 73), און מ'האָט ביי איהם אָפּגענומען אַ קילאָ מיט 100 גראַם קאָקאַין און 100 גראַם מאָרפין.

איצט איז מען שוין אויף די שפּורען פון דער גאַנצער זעלטען־גוט־אָרגאַניזירטער באַנדע, וואָס פעומאָגט אַ רייהע סעקציעס: איינקויפער, שמוג־לער, פעלשער (צו מישען) פערשפּרייטער, קאַפּיטאַ־ליסטען א. אַנד.

דער עיקר ווערען די „סחורות" געשמוגעלט דורך אויבער־שלעזיען, און די צענטראַלע געפינט זיך אין קאַליש, וואו די נאַרקאָטיקען ווערען סאָר־טירט, געפּאַקט אין קליינע פּאַרציעס און פונאַנדער־געשיקט איבערן גאַנצען לאַנד, דערהויפּט — קיין לאָדז און פּוזען, וואו עס איז דאָ דער רוב אָפּנעה־מער, און גוטע צאָהלער...

יוזעף שוואַרץ איז לעת עתה געווען דער הויפּט רעפּרעזענטאַנט אויף לאָדז; ווינלאַך — דער הויפּט־איינקאַסענט; איינער, פאַוועל זשימני פון ריבניק איז געווען דער הויפּט־פינאַנסיסט.

חוץ די דאָזיגע דריי, זענען אין שייכות מיט דער ענטדעקטער שמוגעל־אַפּערע אויך אַרעסטירט געוואָרען: סטעפאַן יעזשעסקי, באָלעסלאַוו קאַר־לינסקי און יוזעף קאַליבאַווסקי — שעפען פון פער־שידענע סעקציעס.

די אויספאָרשונג דויערט.

מ'עסט און מ'טרינקט...

מ'קען לעבען — נאר מ'לאזט נישט לעבען...

(2) אין דעם נאַכט־לאָקאַל „לובר" האָט פאָר־ליציי צונויפגעשטעלט פּראָטאָקאָלען פאַר נישט ווע־לען בעצאָהלען פאַר דעם געגעסענעם און געטרונ־קענעם:

טאַדעאוש פריווינען (ביעטריקאַווער 78), וועל־כער האָט נישט געהאַט צו בעצאָהלען אַ זולל־וסובא־רעכענונג אויף 104 זל. מיט 75 גר., און פראַנטשישעק אנישעקן (טקאַצקא 2), וועלכער האָט געגעסען פון „פרעס און זויף" אויף 103 זל. מיט 35 גר. און אויך נישט געהאַט משלם צו זיין.

ברויט און פלייש זאל ביליגער ווערען

(2) מיט עטליכע טעג צוריק איז אין מאַגי־סטראַט פאָרגעקומען א זיצונג פון דער צענניק־קאָ־מיסיע, אויף וועלכער עס איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע פון פערקלענערען די פרייזען פון ברויט און פלייש־אַרטיקלען.

די פאָרשטעהער פון די פראָדוצענטען האָבען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז נישט אַכטענדיג אויף א געוויסער ירידה פון די פרייזען אויף די רויה־שטאָפען, דאַרפען נישט רעדוצירט ווערען די פריי־זען פון געבעקס און פליישען. דערביי האָבען זיי פערזיכערט, אַז אין פאַל, ווען די פרייזען וועלען זיך נישט־בעדייטענד הויבען, וועלען זיי די פרייזען אויך נישט הויבען.

דערווייל זענען ווידער געפאַלען די פרייזען אויף די פיה בערזע, און דער מאַגיסטראַט וועט זיך דערינבער אין די נאָהענטסטע טעג נאָך אַמאָל בעראַטען וועגען רעדוצירען די פרייזען.

פערזענליכעס

ווי מיר ווערען געוואָר האָט דער געוועזענער פּרעזעס פון לאָדזער קרייז־געריכט ה' י. זאַבאָראָווסקי געעפענט אויף פּעטריקאָווער 28 אַ רעכטס־קאַנצעלאַריע.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: י. קאַפּראַווסקי (נאָוואָמיעיסקא 15), ס. טראַווקאָווסקי (בזשעזשינער 56), מ. ראָזענבלום (שרודמיעיסקא 12), מ. באַרטאָשעווסקי פּיעטרקאָווער 95), י. קלופּשא קאָנטנע 54), ל. טשינסקי (ראַקיטשינער 53).

א סענסאציאנעלע

רעפארם ביים געווינען סטאַווקעס איז דורכגעפיהרט געווארען דורך דער מלוכה=לאטעריע!

ביז איצט האָט דער שפּילער פאַר דער געוואונענער סטאַווקע געקאָנט בעקומען א לאָס אין דער ווייטערדיקער קלאַס.

קיין געלט האָט ער אָבער נישט בעקומען,

איצט, ווען דער שפּילער געווינט א סטאַווקע, קען ער נישט נאָר קויפען א לאָס אין דער ווייטערדיגער קלאַס,

נאר ער בעקומט נאך אויסער דעם א געוויסע סומע אין מזומנים.

ווען איינער למשל, וואָס האָט געהאַט א פערטעל לאָס, און האָט אין דער 3-טער קלאַס געוואונען די סטאַווקע,

בעקומט ער א 1/4 לאס אין דער 4 קלאס און 30 זלאטעס אין מזומנים.

די דאזיגע רעפארם גיט אלזא די שפּילער גרויסע געווינסען.

רעארגאניזאציע אין דער פירמע „שייבלער און גראהמאן"

(2) אין משך פון די לעצטע 4 וואָכען, ד. ה. ביז'ן 28 ד. ח. זענען אין פערשידענע אָפּטיי־לונגען פון „שייבלער און גראָהמאַנס" פאַבריק אָפּגעזאָגט געוואָרען 179 אַרבייטער.

אנשטאט זיי זענען צוגענומען געוואָרען 209 נייע ארבייטער.

DR. MED. J. LUBICZ

כירורג-ארטאפעד

פאלודביאווא 9, טעל. 183-17

קרענקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער

אייגענע פראצאוניע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען ווי: וואקלאַדקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גאָרסעטען א. אז וו.

נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

אקטאבער

זונטאג

ל'

30

תשרי תרצ"ג

זון־אויפגאנג 6.32

זון־אונטערגאנג 4.15

Związek Spółdzielni Mleczarskich i Jajczarskich

נאָטירט די דעטאַיל־פרייזען אין די געוועלבער:

ריינער האניג

בוכנעלדער און העלער אין סלאָיקעס און גלעזער ווי אויך אויפ'ן קילא 2.60

הורט פערקויף:

אל. קאשטשושקי 29

פון 5 קילא — צו 2.30 א קילא

א קעסטען פון 25 קילא צו 2.10 א קילא

Znak na etyk.

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1912

(2) מאָרגען, מאָנטאָג, דארפען זיך שטעלען אין מיליטער־ביוראָ (זאַוואַדזקא 11) צו רעגיסטראַ־ציע יונגעלייט פונ'ם יאָהרגאַנג 1912 און עלטערע, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 4 קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען־נעמען, וואָס הויבען זיך אָן מיט די אותיות:

S Sz T

און פון 11 קאָמיסאַריאַט:

P R S Sz

איבערמאָרגען, דינסטאָג אַמטירט נישט די קאָמיסיע.

די פאסט — דינסטאג

(2) דינסטאָג, ד. 1 נאָוועמבער ה. י. וועט די פאָסט זיין טעטיג (פּשעיאַזד 38) ווי געוועהנ־ליך זונטאָג און חגא — פון 9 ביז 11 פאַר מיטאָג־צענדוינגען.

די קאָרעספּאָנדענץ וועט אין דעם טאָג נישט צוגעשטעלט ווערען.

פערד-איבערזיכט

(מ) מאָרגען, 9 פריה דארפען אויפ'ן האַלער־פּלאַץ צושטעלען צום איבערזיכט זייערע פערד, די פערד־אינהאָבער, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 8־טען פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און וואָס זייערע פאַ־מיליען־נעמען הויבען זיך אָן מיט די אותיות: פון A ביז Z

300 ארעסטאנטען נעכטען בעפרייט

פון די לאדזער תפיסות צוליב דער אמנעסטיע

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַמנעסטיע, זע־נען נעכטען פון די לאָדזער תפיסות בעפרייט גע־וואָרען 300 אַרעסטאַנטען.

ביי שטוהל-פערשטאפונג

ווערדייאונגס־שטערונגען, מאָגענבראָנען, תאלונגען, קאָ־שמערצען, נעהמט מען פריה ניכטערנהייט א גלאָז נאַטיר־ליך ביטערוואַסער

Franciszka Józefa

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און מקלער־אפטעקשגעס

היינט

מאטא הארי

— אין —

„CAPITOL"

דער „שפאר-טאג" אין לאדז

שפאר-און קרעדיט-אינסטיטוציס מארגען דעקארירט מיט פעהנער. פלאקאטען און גרינס

דער קאמיטעט פון „שפאר-טאג" אין לאדז אונטערן פראטעקטאראט פון וואיעוואדע יאשטשאלט ווענדט זיך צו אלע לאדזער שפאר-און קרעדיט-אינסטיטוציעס, אז אין דעם „שפאר-טאג", וואס קומט פאר מארגען, ד. 31-טען ד. ח. זאלען אויף די לאקאלען ארויסגעהאנגען ווערען נאציאנאלע פעהנער, פלאקאטען, גרינס א. ד. גל.

PRYWATNE POGOTOWIE ŁEKARSKIE
TEL. 12-333 ZIELONA № 6.
Szybka pomoc lekarska.–PRZEWÓZ CHORYCH

הפסקה אין די שולעס

(2) לויט ווי עס אינפארמירט אונז דער לאדזער שול-אינספעקטאראט, וועט מארגען, מאנטאג אין די שולעס נישט געלערענט ווערען.

די לימודים וועלען זיך אנהויבען מיטוואך ערשט, ד. 2 נאוועמבער.

היינט די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער האנדווערקער-קאמער

ס'וועלען בעטראכט ווערען וויכטיגע האנדווערקער-פראגען

היינט 5 אוו. קומט פאר אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער האנדווערקער-קאמער.

צווישען אנדערע וועט אויף דער פערזאמלונג בעטראכט ווערען די פראגע וועגען דעם לעצטען טערמין פון די הנחה-עקזאמענס פאר האנדווערקער, בעריכטען פון די פערשידענע קאמיסיעס, דער בודושעט פאר'ן יאהר 1933 און א גאנצע רייהע אנדערע וויכטיגע פראגען.

זעלבסטמארד

(2) אין טויער אויף קראקוסא 5 האט זיך פער'סמ'ט מיט זאלץ-זויער, א געוויסע האלענא קאוועפקא.

אין א געפעהרליכען מצב האט מען זי אפגעפיהרט אין שפיטאל.

צושניטענער קערפער פון א זעלנער

(2) די לאדזער ד.א.קא. האט נעכטען בעקומען א מעלדונג, אז אויף דער באהן-ליניע לצ'ם דער סטאציע קלעטשין, הינטער ראדאמסק, האט מען געפונען א טויטען קערפער פון א זעלנער מיט אנ'אפגעשניטענעם קאפ און פיס.

ס'איז נאך דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געווארען, ווער דער זעלנער איז.

געשטארבען אויף די טרעפען

(2) יוזעף אושיאק (סובאלסקא 13) איז נעכטען געקומען אויף בעזוך צו זיין ברודער אויף סענאטארסקא 26.

אויף די טרעפען איז איהם נישט גוט געווארען, און ער איז געשטארבען.

צוזאמענשטויס פון אויטא'ס

(2) אויף רוג נאוואמייסקא און אגראדאווע האבען זיך צונויפגעשטויסען א טאקסובקא (ל. ד. 81479) מיט א קארעטקע פון דער קראנקען-קאסע. ביידע קארעטקעס זענען בעשעדיגט.

געגנב'עט קליידלעך

(2) פון מילקער'ס גאלאנטעריע-געשעפט האט מען ארויסגעגנב'עט א גרעסערען סכום דאמען-קליידלעך.



היינט און פאלג. טעג!
דראמע מיט א פאסצינירענדען אינהאלט
און פול מיט סענטימענט
דראמע פון אנ'איבריגע מאמע
„EMMA"
Jean Herscholt רעזשי
אין דער הויפטראלע די גרעסטע טראגיקערין פון דער וועלט MARJA DRESLER אין די איבריגע ראלען: Myrna Loy, Richard Cromwel
אויסערן פראגראם: קלאנג-צוגאבע — און לאנד-אקטואליטעטען. —
אנה. 4.30 נמ. שבת, זונטאג 1 בייטאג.
פאפולערע פרייזען פון די פלעצער.
הנחה-בילעטען גילטיג אהן בעגרענצונגען.

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאליסט פאר
אוירען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען
11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)
טעל. 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 11—2.
אין כעלמי פון 8—9 פריה.

יודיש קאמעראל-טעאטער
אלעע 1-טער מאי 2.
יודיש דראמ. טעאטער אין פוילן
ווילנער טרופע
יאר XVII
אנפירונג: מ. מזאה.
היינט. זונטאג, דעם 30-טן אקטאבער, 9 א זייגער אוונט
בונט אין אויסבעסערונגס-הויז
א היינטצייטיקע טעאטער-שטיק אין 3 אקטן
מחבר: פעטער-מארטין לאמפעל. יידיש: מ. מ. רעזשי: יעקב ראטבוים.
פירען אוים:
פאסטאר . . . . . . יעקב קורלענדער
פארוואלטער . . . . דניאל שאפירא
וויקטאריא . . . . . מרים ארלעסקא
דערציער . . . . . משה פאטאשינסקי
פראקטיקאנט . . . . נחום מעלניק
פריץ . . . . חבל בוזגאן
קורט . . . . יעקב מאנסדארף
ערווין . . . . דבורה ראזענבלום
קארל . . . . *.*
א באזוכערין . . . . . רבקה שילער
פאליציי-אפיציר
דאס טעאטער-שטיק איז געבויט — בײ פרײער דראמאטישער באארבעטונג, אויפן גרונד פון אויטענטישע דאקומענטירטע געשעעניש און פאקטן, פארשריבן דורך יינגלעך פון א אויסבעסערונגס-הויז אין דייטשלאנד.
בילעטן צו בעקומען פון 11 ביז 2 בטאג און פון 5 א זייגער נאכמיטאג — אין קאסע פון טעאטער.
אדמיניסטראטיווע אנפירונג: ב. אסם.

טעאטער „סקאלא", שרודמיעסקא 15.
רעקארד פון ערפאלג! פרייטאג און שבת– געווען אוים=פערקויפט ביז אויז פלאץ!
היינט. 9 אוונט, טרעפען מיר זיך ווידער אין
די יודישע באנדע
אין יצחק נאזשיק'ס פרייליכע שלאגער-רעוויו
טאנצט יודעלער טאנצט!..
וואו עס וועלען זינגען, טאנצען און ברעגען א וועלט:
חנה גראסבערג, ראזא גאזעל, לאלא פאלמאן, זישע קאץ, דוד לעדערמאן, מ. אפענהיים
און רעזשיסער יצחק נאזשיק.
שטארקע פארבערייטונגען צו אונזער 2-טער פרעמיערע „די וועלט שאקעלט זיך!"
גארדעראבע פריי און נישט געצוואונגען זיך אויסצוטוען! בילעטן אין קאסע פון „סקאלא".

יודיש טעאטער „פילהארמאניע" אנפיהרונג: א. בעזמאן און א. שטאקפעדער.
די בעליבטע סוברעטין רעגינא צוקער
בעריהמטער ארטיסט און זינגער הערמאן פעניגשטיין
די בעוואוסטע ארטיסטען: בערטא זאסלאווסקא, עווא שטאקפעדער, ליזא שלאסבערג, לעאן געטליבערמאן, קארל צימבאליסט, אהרן אייזענבערג. יוסף גייווירט און אנד.
היינט, זונטאג, 9 אוו. צום 4. מאל דאס זער אויסגענומענע לעבענסבילד מיט געזאנג און טענץ
„א הארץ פון א גנב"
אין 4 אקטן פון סיגעל, די קאמישע ראל „חיים שייע קעלנער"-הערמאן פעניגשטיין.
מארגן. מאנטאג גרויסע פאפולערע פארשטעלונג פון 50 גר. ביז 170 זל.
אויפ'ן אלגעמיינעם פערלאנג די קאמישע אפערעטע „דער זיסער בחור"
רעזשיסער: כ. צימבאליסט. דירינענט: ל. זעלמאן. מעכנ. דעפ: כ. גוטמאן. סופלער: מ. אייזענבערג
בילעטען צו בעקומען אין „פילהארמאניע"

Dr. med. ST. HEINRICH
ספעצ. פאר קינדער און אינערליכע קראנקהייטע
פיזיקאלישע טעראפיע
נעהמט אן פון 11—1 מיטאג און פון 3—7 אוונד
פאמארסקא 10, טעל. 147-67.
פאר אונבעמיטעלטע – הנחות.
5768

Dr. med. H. LUBICZ
ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32
נעמט אן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאכמ. און פון 5—8 אוונד. זונטאג פון 9—11 בייטאג.

ר. איזראעל

משפחות אין פלאמען

סענסאציאנעלער ראמאן פון יודישען פאמיליען-לעבען

(7

— דאס מוז אבער געשעהען, האט מרים צו זיך אליין געזאגט. איך קען דאך נישט ארומגעהען אין אזא חלום, איך קען דאך נישט דערלאזען, אז ארום מיר זאלען געשפינען ווערען אינטריגעס, און איך זאל אימיצען אפנארען אדער איך זאל גאר אפגענארט ווערען

ס'איז אבער געווען שפעט אין אוונד, איצט האט מרים אין דעם ענין גאר-נישט געקענט טון און זי האט פערבריינגט א שלאפלאזע נאכט, באכטראכטענדיג וועגען דעם ווי אזוי זיך צו זעהען און אדורכצורעדען מיט דידן.

— ער וועט זיכער איהר זאגען, אז ער האט צו דעם אלעם קיין שייכות נישט, אז ער זאגט זיך אפ פון דער ציאה פון איהר מוטער און דעמאלס וועט זי זיין פריי אין איהר'ע האנדלונגען

באלד אינדערפריה האט זי זיך שנעל אנגעטון אזוי ווי זי וואלט געהאט עפעס א גאר וויכטיגען ענין צו ערלעדיגען, זי איז אוועק פאר דער ישיבה, דארט וואו זי האט געוואוסט, אז דידל מוז קומען לערנען זי האט זיך אוועקגעשטעלט אזוי, אז יעדער וואס איז ארייגעגאנגען אין הויז, וואלט זי געדארפט בעמערקען, אין האנד האט זי געהאט אנגעגרייט א צעטעלע, אין וועלכען זי האט געבעטען דידן, אז ער זאל קומען אין אוונד אויף א בעשטימטען ארט זיך זעהען מיט איהר. זי האט זיך אליין געוואונדערט דעריף ווי אזוי זי האט געקענט צונויפקאמבינירען דאס אלץ. זי האט קיינמאל וועגען אזעלכע זאכען נישט געטראכט, איצט האבען זי די אומשטענדען דערצו געצוואונגען, ווייל איהר איינציגע רעטונג האט זי געזעהען אין דעם וואס זי וועט זיך זעהען מיט דידן און מיט איהם אדורכרעדען.

פון אלע זייטען זענען אנגעקומען בחורים און אריינגעגאנגען אין דער ישיבה, אויסגעדארטע, בלאסע, שוין נישט אויסגעשלאפען, אבער אלע מיט אזעלכע קלוגע, לעבעדיגע אויגען, מיט אזוי פיל רעוואגנאציע אויפ'ן גליק, אבער אזוי פיל אסטימיזם אין דער נשמה. יעדענפאלס ווען מרים האט דערזעהען עפעס א בחור וואס איז געווען ענליך צו דידן, האט איהר א ציפ געגעבען אין הארצען, פארוואס זי האט זיך אייגענטליך אזוי געשראקען האט זי אליין נישט געוואוסט. אין דער מינוט האט זי געזעהען דיד'ן, ער איז געקומען מיט א ספר אונטער'ן ארים, אין זיינע ריינע און ציכטיגע מלבושים און אויסגעפוצטע שטיוועל. אזא געוואלדיגע גוטסקייט איז געווען אויסגעגאסען אויף זיין פנים, אזא אידעלקייט און בכבודקייט. זעהט אויס, אז דיד האט בעמערקט מרימען, ווייל ער האט זיך אפגעשטעלט און געוואלט געהען צוריק. ער האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, צי ער זאל געהען ווייטער, פערבייגעהען פאר מרים'ען, אדער זאל ער ווארטען ביז זי וועט אוועקגעהען און דאן וועט ער רוהיג אריינגעהען אין דער ישיבה.

מרים איז אבער געווען ענטשלאסען, זי איז גלייך פערבייגעגאנגען דארט, וואו דיד איז געשטאנען, און אזוי פערבייגעהענדיג פאר איהם, ווען דיד האט א קוקעל געגעבען מיט'ן קאפ און געזאגט „גוט מארגען", האט מרים אראפגעלאזען דאס צעטעלע, וואס זי האט געהאלטען אין האנד, אזוי אז דיד זאל דאס זעהען.

און ווירקליך האט דיד דאס בעמערקט, ער איז שטארק איבעראשט געווארען, אבער אפגעווארט ביז מרים איז אוועקגעגאנגען, האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און דאן זיך דיסקרעט אראפגעבויגען און אויפגעהויבען דאס צעטעלע.

דאס הארץ האט איהם שטארק געקלאפט.

— מרים האט צו איהם געשריבען א בריף, זי האט איהם אפגעווארט, כדי איהם דעם בריף איבערצוגעבען. יא, יא, אזוי איז עס, דאס איז נישט צופעליג. זי האט דא געווארט מיט א כוונה מרים. וועגען וועלכער ער טראכט די לעצטע צייטען אזוי פיל. ער האט נישט אריינגעקוקט אין דעם צעטעלע, ס'איז איהם געווען א שאד, ער האט געוואלט, אז די נייגיריגקייט, די בענקשאפט זאל נאך לענגער דויערען. שפעטער, שפעטער, וועל איך דעם בריף לייענען. פון דער צווייטער זייט האט אין איהם דאס בלוט געקאכט, ער האט שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען פאר נייגיריגקייט, ער האט געמוזט אריינקוקען אינ'ם צעטעלע און זעהען וואס מרים האט צו איהם געשריבען. ער איז שנעל אדורכגעלאפען מיט די אויגען דעם אינהאלט און איהם האט אנגעהויבען צו שווינדלען פאר די אויגען. דאס בלוט האט איהם געשלאגען אין קאפ אריין. מרים וויל זיך מיט איהם זעהען, מרים וויל מיט איהם רעדען, ער, וואס האט געמיינט, אז מרים טראכט גארנישט וועגען איהם, אז זי מיידט איהם אויס, און מיטאמאל בעשטעלט זי איהם זיך צו זעהען מיט איהם. איבעררעדען מיט איהם.

— אבער, וואס איז דאס פארא אופן פאר אזא בחור ווי ער איז, האט דיד געטראכט, זיך בעשטעלען מיט אנ'אשה אין געהיים, אז קיינער זאל נישט בעמערקען, און מרים, די צנועה'דיגע, די גוטע, זי האט איהם בעשטעלט אזא זעהונג, וואלט איהם אנ'אנדער געברענגט דאס צעטעלע, וואלט ער נישט געגלויבט, אז דאס האט מרים געשיקט, ער וואלט געמיינט, אז דאס שפילט זיך אימיצער מיט איהם, ער האט דאך אבער געזעהען ווי מרים אליין איז מיט דעם בריף געקומען, כדי איהם אליין איבערצוגעבען, דאס צעטעלע האט איהם גערויבט די רוה. דאס לערנען איז איהם נישט איינגעגאנגען אין קאפ אריין. ער האט נישט געקענט קאנצענטרירען די געדאנקען און אלץ געטראכט וועגען דער קומענדיגער בעגעגעניש מיט מרים'ען.

— אבער, צי וועט ער בכלל געהען אויף דער דאזיגער בעגעגעניש? צי פאסט דאס פאר איהם, אז ער זאל זיך זעהען מיט מרים'ען? און אז אימיצער וועט איהם בעמערקען? שווערע שעה'ן האט דיד איבערגעלעבט ביז'ן אוונד, פונקט אזוי ווי מרים, וועלכע האט זיך גע'חזר'ט, וואס צו רעדען און ווי אזוי צו רעדען מיט דידן, אמבעסטען וואלט דיד געוואלט, אז מרים זאל מיט איהם גארנישט רעדען, נאר זאל בלויז קוקען אויף איהם און ער אויף איהר. דיד האט זיך דערשראקען פאר דיינע אייגענע געדאנקען, אבער ווען ס'איז אנגעקומען די בעשטימטע שעה, האט דיד פערמאכט די גמרא און איז אוועק צו מרים'ען.

(פארטזעצונג קומט)

אויסגעפיהרט אין דער פּראַקטיק

אויסגעבילדעט אויף פערברעכערישע ליטעראַטור און פילמען

(2) מיט 2 טאָג צוריק האָט דער אינהאַבער פון דער כעמישער פּראַלניע אויף בזשעזשינער 74, באַלעסלאַוו טשעשלאַק, אַרויסגעשיקט זיין 19־יאָהריגען שיק־יונגעל לעאָנאַרד אפּאַטשינסקי (פון קלימקא 15), ער זאָל אָפּטראָגען צו אַ קליענט אַ פּעקעל אויסגעוואַשענע וועש.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער בחור איז צוריקגעקומען אַ פערבלוטיגטער, אַן איינגעריסענער אין בלאָטע און דערציילט אַ מעשה, אַז מ'איז איהם בעפאַלען, מערדערליך צושלאָגען, און צוגענומען דאָס פּעקעל.

אַז פּאָליציי האָט אָבער גענומען דעם בחור אויף אַ שטרענגען פערהער, איז אַרויסגעקומען די גאַנצע מעשה, ווי זי איז געווען אין דער ווירקליכקייט.

און געווען איז אַזוי:

אַפּאַטשינסקי איז אַ יונגער־מאַן, וואָס איז שוין 19 חדשים געזעסען אין אויסבעסערונגס־הויז, און איז אַ געוואַלדיגער אַמאַטאָר פון דעטעקטיוו־ראָמאַנען און פערברעכער־בילדער.

אַ סברא, אַז די דאָזיגע „אויסבילדונג" זיינע גייט נישט אין בּוועץ, וואָרום אָט האָט ער עס טאַקע מיט דער הילף פון זיינע 2 חברים: לעאָן קאַמאַראָווסקי (בזשעזשינער 69) און טשעסלאַוו ביערקאָווסקי (ווידזאָק 7) אינסצעניזירט דעם אנפאַל.

מען האָט זיי אַלע דריי אַרעסטירט און דעם פּעקעל וועש אָפּגענומען.

ענדערונגען אין די קאָמיסיעס פון דער האַנדעלס־קאַמער

(אג) ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען אין די פערשידענע קאָמיסיעס ביי דער האַנדעלס־קאַמער אין לאָדז, אין דער נאָהענטסטער צייט פאָרקומען גרויסע ענדערונגען. די ענדערונגען ווערען געמאַכט מיט'ן ציל צו דערגרייכען דעם מאַקסימום פון דער אַרבייטס־לייסטונג. די פערשידענע ראַדצעס, וואָס בעטייליגען זיך אין די אַרבייטען פון די קאָמיסיעס אין דער האַנדעלס־קאַמער האָבען געהאַט די מעגליכקייט אין זייער ביז־איצטיגער טעטיגקייט זיך צו אָריענטירען אויף וואָס פאַר אַ געביט זייער טעטיגקייט קען ברענגען דעם גרעסטען נוצען און איצט וועלען די פערסאָנאַלע ענדערונגען אין צוזאַמענשטעל פון די קאָמיסיעס געבען זיי די מעגליכקייט צו אַרבייטען אין אַזעלכע קאָמיסיעס. וואָס איז פאַר זיי אַממייסטענס ענטשפּרעכענד.

די נייע ליסטע פון די מיטגליעדער פון די בעזונדערע קאָמיסיעס ווערט שוין אויסגעאַרבייט דורכ'ן פּרעזידיום פון דער קאַמער און וועט פאַרגעלעגט ווערען צום בעשטעטיגען אויף דער פּלענאַר־זיצונג פון דער קאַמער.

פּערטיגע סחורות אָבער עס ווערען נישט געמאַכט קיין שום טראַנזאַקציעס, אַז עס איז נישטא קיין נויטווענדיגקייט צו פאַבריצירען נייע סחורות.

די לאַגע אין דער וואָל־בראַנזשע איז זעהר נישט קיין גינסטיגע. אויך אין דער דאָזיגער בראַנזשע ווערט עדוואַרט אַ עווענטועלע פערערגערונג פון די צאָהלונגען.

שטילשטאַנד אויפ'ן קאַמגאַרן־מאַרק

שלעכטע האַראַסקאָפּען פאַר דער וויל־אינדוסטריע

(אג) אויף דעם קאַמגאַרן מאַרק זענען די טראַנזאַקציעס די פערגאַנגענע וואָך געפאַלען ביז אַ מינימום. אין די לאָדזער סוחרישע קרייזען הערשט די איבערצייגונג, אַז ביז'ן סוף חודש דאַרף מען נישט ערוואַרטען קיין אויפלעבונג אין דער דאָזיגער בראַנזשע. די סיבה פון שטילשטאַנד איז דער פאַקט, וואָס די פּראָדוצענטען פון וואָלענע סחורות האָבען געמאַכט אַלע פאַרבערייטונגען. די לאַגערס זענען פול מיט

ביי די „ווילנער"

אין קאַמעראַל־טעאַטער, 1. מאַי 2, ווערט היינט 9.15 אָוונד געגעבען „טויט אין אויסבעסערונגס־הויז", אין 3 אַקטען פון פּעטער מאַרטין לאַמפּעל.

„די יודישע באַנדע"

דער טעאַטער איז כמעט יעדען אָוונד אויספּערקויפט. יעדער נומער פון פּרעכטיגען פּראָגראַם „טאַנצט יודעלעך טאַנצט" ווערט אַפּלאַדירט. די בעליבטע רעוויו־קינסטלער: חנה גראָסבערג, ראָזא גאָזעל, לאַלא פאַלמאַן, זישע קאַץ, דוד לעדערמאַן, מ. אָפּענהיים און רעזשיסער יצחק נאָזשיק ווערען וואַרים אויפגענומען.

היינט ווערט ווידער געשפּילט: „טאַנצט יודעלעך טאַנצט"!

א דייטשע פאָרשטעלונג אין „סקאַלאַ"

היינט, זונטאָג, האַלב 6 אָוונד ווערט אויפגעפיהרט אין „סקאַלא"־טעאַטער די העריליכע דייטשע אָפּערעטע „אַ מיידעל מיט טעמפּאָ", אונטער דער רעזשי פון אַרטור היינע און מוזיקאַלישער לייטונג פון טעאָדאָר דירער. די דאָזיגע העריליכע אָפּערעטע ווערט אויפגעפיהרט דורך דעם בעקאַנטען דייטשען טעאַטער־פעראיין „טהאַליאַ".

דעטייל־פערקויף פון דער פירמע פליהאַל'ס אויסאַרבייטונגען

העריליכער מאַגאַזין געעפענט געוואָרן אין לאָדז

אויף רוג פּיעטריקאָווער און פּשעיאַזד, איז געעפענט געוואָרען איינער פון די שעהנסטע לאָדזער מאַגאַזינען. אַ דאַנק, וואָס די קאָנסומענטען וועלען האָבען די מעגליכקייט צו בעקומען אין דעטייל די איבעראַל בעקאַנטע אויסאַרבייטונגען פון דער טריקאָ־פירמע ל. פליהאַל און שותף.

אין דעם העריליכען פליהאַלס נייערעפענטען מאַגאַזין געפינען מיר פערשידענע סאָרטען טריקאָוועש, וואָלענע, בוימוועלענע און זיידענע פון די ביליגסטע ביז די פיינסטע. דער מאַגאַזין איז אויך פערזעהען מיט די בעסטע זאָקען פון דער בעוואוסטער מאַרקע „טורילא" (אויסאַרבייטונג פון דער פירמע „אייזערט און שווייקערט") הענטשקעס פון די בערידער ראַדושיעווסקיס אויסאַרבייטונגען. שטרימפּ און שקאַרפּעטען פון די פירמעס א. האַו און הופער, טריקאָ־אויסאַרבייטונגען (פולאָווערס, סוועטערס א. ד. גל.) פון דער פירמע ט. בוכהאָלץ.

זעמטליכע בוי־אַרבייטען ביי דער דערמאָהנטער פירמע האָט אויסגעפיהרט די גוט־בעקאַנטע בוי־פירמע גוסטאַוו זים, וואָס איז גוט בעקאַנט אין לאָדז.

די פּראָיעקטען אינערליכע און אויסערליכע האָט אויסגעפיהרט גוסטאַוו זים, (יוניאָר), וועלכער האָט געענדיגט די קונסט־אַקאַדעמיע אין קראַקאָ.

ס'איז ווערט צו בעטאָנען, אַז קירצליך קומט פאָר די ערעפענונג פון צווייטען מאַגאַזין פאַר דעטייל־פערקויף פון דער בעקאַנטער פירמע פליהאַל אויף פּיעטריקאָווער 36.

זשיראַרדאָוו צוגעטרעטען צום שפּינער־קאַרטעל

(אג) ווי מיר דערוויסען זיך, טרעט די פירמע זשיראַרדאָוו דעם 31. אָקטאָבער צו צום פערבאַנד פון די פּראָדוצענטען פון באַוועל גאַרן.

בריף אין רעדאַקציע

חשוב'ע רעדאַקציע!

אין שייכות מיט דער ידיעה אין אייער חשוב'ער צייטונג א. ק. „קריזיס אין דער קהלה־פערוואַלטונג" בעט איך אייך זעהר אָפּצודרוקען פאָלגענדע שורות:

עס איז לחלוטין פאַלש, אַז איך געהער אין דער אגודה צו עפּעס אַן אָפּאָזיציאָנעלער גרופּע, וואָס פערלאַנגט דווקא אַגרעסיווע פּאָליטיק לגבי אַנדערע ריכטונגען.

איך מוז להיפך פעסטשטעלען, אַז אין מיין געזעלשאַפטליכער אַרבייט בין איך תמיד אַן אָנהענגער פון פרידליכער און האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבייט פון אַלע יודישע שטראָמונגען לטובת דעם גאַנצען כלל.

מיט דרך־ארץ

(—) ישעי' שוויאַטלאָווסקי.

פערוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יודישער קהלה אין לאָדז.

פּראָפ. איינשטיין

פערלאָזט דייטשלאַנד

(ענדע פון 4־טע זייט).

גען פון אַרבייט, אַז זיין עקזיסטענץ וועט אין מאַטעריעלער הינזיכט ווערען פולשטענדיג געזיכערט (לויט'ן געשלאָסענעם קאָנטראַקט וועט איינשטיין בעקומען אַ האָנאָראַר פון זעכציג טויזענד דאָלאַר יעהרליך) וועט ער האָבען די מאָראַלישע בעפרידיגונג, וואָס ער וועט בעפרייט ווערען פון דער שטיקענדיגער נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישער אַטמאָספערע, וואָס טריומפירט אויף די הויכשולען אין דייטשלאַנד.

צום געזעגענען זיך האָט איינשטיין געהאַלטען אַן עפענטליכע פאָרלעזונג. די הכנסה פון דער פאָרלעזונג וועט געהן לטובת אונבעמיטעלטע יודישע סטודענטען. ווי געוועהנליך אויף אַ פאָרלעזונג פון איינשטיינען איז דער זאַל געווען איבערפולט. איינשטיין האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז זעהר אַ שלעכטער פּאָפּולאַריזאַטאָר און פאַר אַ בריטען עולם טרעט ער אויף זעלטען, ער קען זיך דערייבער פערטיידיגען בלויז דערמיט, וואָס די מאָדערנע פיזיק איז בכלל פאַרצוטראָגען פּאָפּולער כמעט אונמעגליך. און אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט: פון דער גרויסער און זעהר הויך קוואַליפיצירטער אוידיטאָריע, וואָס איז זיך צונויפגעקומען הערען איינשטיינען אין בעטהאָווען־זאַל, האָבען בלויז זעהר נישט פיל געקאָנט נאָכפאָלגען דעם געדאַנקען־גאַנג פון גענישלען געלעהרטען, וועלכער האָט מיט דער גרעסטער לייכטקייט צוזשטערט די וויסענשאַפטליכע בעגריפען, וואָס מ'האָט נאָך גאָרנישט לאַנג געהאַלטען פאַר אייזענפעסטע.

3־טער אַלפּוילישער געגען־ראַק־צוזאַמענפאָהר

ווערט היינט געעפענט אין לאָדז

היינט 10 פאָרמ. עפענט זיך אין לאָדז אין לאָקאַל פון דאָקטוירים פעראיין (וואָנגעלעווסקא 9) דער דריטער אַלפּוילישער געגען־ראַק־צוזאַמענפאָהר.

צום צוזאַמענפאָהר, וועלכער וועט דויערען 2 טעג זענען געקומען: דער אַרבייטס־מיניסטער געג. הוביצקי און דער וויצע מיניסטער פּיעסטזשינסקי.

אויף דער ערשטער זיצונג וועלען אַרויסטרעטען מיט רעפעראַטען די דאָקטוירים: שטערלינג־אָקוניעווסקי, פּראָפ. פעלטשער, לאַסקאָווסקי און אייגער.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אָפּעראַציע, אָן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט־פערגיסונג פאַר קראַנקע אויף קילעס פאַר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאַליקעס אין גוף פאַר הויקערס און פיס

פערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל־בראָך ווערט גרויס אַזוי ווי אַ מענשען־קאָפּ, אָדער אַזוי ווי אַ וואַסער־קאַן און עס פאַלט אַריין אין דעם פיס און דער קראַנקער איז אין אַ גרויסער סכנת דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטערבליך. ספּעציעל נאָטענע הייל בּאַנדאַזשען אויסגעצייכנעט גוט דורך הויסע פּראָפעסאָרען מיט מיינע בעהאַנדלונג און פון דײַטשען פּראָפעסאָר

דאָקטאָר בראָכירוּרגיע בעווייזען זיכער דעם שוועדטמען און געפעהרליכסטען ברוך. אויך פאַר הויקערס, דיימוגגען מיט הייל־גאָרסעטען און אפּאַראַטען פאַר פערקרימטע פיס און פלאַט־פיס. ספּעציעלע איינלאַגען אין די שיך קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאָקען, פאַר די גרעסטע קראַנקע אָדערן.

עמפאַנגט פון 9 ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָוונד

ארטאָפּעדישע אנשטאַלט

Specialist J. RAPAPORT, Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,

tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאָס פּערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באַראַנטש, פּראָפ. ד"ר י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קיפּראַנאָווסקי און אויך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אָן פערזיכערטע פון דער קראַנקען־קאַסע.

דאַנקזאָגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין דאַנקבאַרקייט דעם גרויסען ספּעציאַליסט ה' ד"ר. י. ראַפּאַפּאָרט, וואָלטשאַנסקא 10, וואָס פאַר רעטעווען מיך פון אַ שווערער ברוך־קראַנקהייט. ה' ד"ר. י. ראַפּאַפּאָרט האָט נישט געשוינט קיין מוח, כדי מיך צו בעפרייען פון אַ זיכערער געפאַהר און מיך איבערגעגעבען צו אַ געזונדען צושטאַנד. היינט פיהר טראָגען זיין באַנדאַזש שטעל איך פעסט, אַז כ'בין פולשטענדיג געזונד.

(—) אַרוויל דרעשלער

לאָדז, ווסכאָדניא 4, 2־טער שטאָק.

אַנאָנסן אין נייעם פאָלקסבלאַט

האָבן גרעסטען ערפאָלג!

פּאַטענטירטע

עלעקטרישע קאָרביר־שערען

מעלות

1) זיי ברענען נישט די האָר אפילו ביי אַ לענגערער בענוצונג.
2) פערברויכען שטראָם נור 1/4 גר. אויף אַ שעה וואַרעמען.
3) בעזיצען איין הענטעל, זענען זעהר בעקוועם אין געברויך.
4) טעכנישע אויספיהרונג – non plus ultra – עסטעטיש־לוקסוסאָווע.
5) פולע גאַראַנטיע פון גוטער טעטיגקייט.

פּרייז 20 זל. אין לוקסוס־פוטעראַל.

Fabryka „AMERYKANKA"

Łódź, ul. Nawrot 32

lub **Cz. Przebyszewski, ul. Przejazd 8.**

מיר שיקען אַרויס פער נאָכנאַהמע אָהן איבערשיקונגס־קאָסטען. ראַיאָן־פערטרעטער ווערען געזוכט.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע

אנדזשעיא 5, טעל. 40־159

נעמט אָן פון 8–11 און פון 5–9 אָוו. זונטאָג און יום־טוב פון 9–1 פאָרמ. בעזונדערע וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. Alfred Fischer

כירורגישע און פרויען־קראַנקהייטען

פּיעטריקאָווער 292, נעבען גייער'ס רינג

טעלעפאָן 164-37,

DR. MED.

B. WINDZBERG

כירורגיע און פרויען־קראַנקהייטען

אַלעע 1־טער מאַי 16

טעל. 123-48

נעמט אָן פון 1—2 און 5—8

קאַראַקולענעם דאַמען־פּאַלטעס

אויך אַ פּאַקענעם און אַ זרעבקענעם און אַ פּיזעם פּאַלטען פערקויף איך געלעגענהייטליך

האָטעל „מאָנטיפּער" זאַכאָדניאַ 45, צימער 17.

די מאָדערנע טעכניק האָט אויסגעפונען אָט דאָס פערזעהעניש, וואָס ווערט אָנגערופען

„שטראָם־פרעסער"

דאָס איז אַ פּאַראַזיט, וועלכען איהר האַנדעלט זיך איין אינאיינעם מיט יעדען א.ג. „ביליגען" עלעקטרישען לעמפּעל, וואָס איהר קויפט. אין אַזעלכע לעמפּלעך זיצט דער „שטראָם־פרעסער", ער פילט זיך אָן מיט שטראָם און פרעסט אַזוי אַרום אויף אייער געלד, נישט געבענדיג דערפאַר מעהר ליכט. די נייעסטע ערפינדונגען פון דער טעכניק האָבען ענטדעקט דעם „שטראָם־פרעסער" אין האָבען באַלד געפונען דעם אופן ווי אַזוי איהם צו פערניכטען. די פיליפּס־לעמפּלעך זענען ווירקליך ביליג און אונטערשיידען זיך פון די א. ג. „ביליגע" דערמיט, וואָס זיי געברויכען נישט אין אַנ'ערך וועניגער שטראָם.

ŻAROWKA PHILIPSA

CHRONI WASZE OCZY, DBA O WASZĄ KIESZEŃ

Na czem nam powinno zależeć?

Na tem, aby otrzymać **BIELIZNĘ W NAJLEPSZYM GATUNKU**, która nam sprawia zadowolenie.

Na tem, aby móc sobie wybrać z pośród **NAJMODNIEJSZYCH WYROBÓW** to co nam najbardziej odpowiada.

Na tem, ażeby **DO KAŻDEJ FIGURY** dobrać odpowiednią wielkość.

Na tem, ażeby otrzymać wszystko **PO NAJNIŻSZYCH CENACH**, odpowiadających dzisiejszemu ogólnemu kryzysowi.

Wszystko to poleca Wam w najbogatszym wyborze

„PAW"

SALON SPRZEDAŻY DETALICZNEJ ŁÓDŹ PIOTRKOWSKA 154.

Telefon 141-96

Po cenach fabrycznych można otrzymać wyroby „Paw"
również we firmie B. Lisner, Piotrkowska 94
we firmie Marjan Lewkowicz, Piotrkowska 46.

Wyroby firmy „PAW" będą demonstrowane na rewji mód w sali Filharmonij dnia 30. X. 32.

Oto jedno z damskich praw noś bieliznę marki „PAW".

Dr. HELLER

ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4—8 אָוונד.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזען.

Dr. med REICHER

פּאָלודניאָוואַ 28, טעל. 20193
ספּעציאַל-אַרצט פאַר מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג
קינדערלאָזיגקייט און סעקסועלע בעראַטונגען
נעמט אָן פון 5 — 8 אָוונד.
זונטאָג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאָג.

Dr. med. W. Eychner

אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
וואוינט איצט 4 צעגעלניאַנאַ 4
(נעבן קינא „טשאַרי") טעל. 134-72
נעהמט אָן פון 2½ — 4 און פון 7 — 8 אָוונד

לערערין

גיט פעדאַגאָגין ערטיילט אונטעריכט פאַר דער-וואַקסענע אין פּוילישע, יודישע און דייטשע שפּראַכען
צו ביליגע פּרייזען.
לאָסמאַז, בזשעזשינער 15.

דר. מעד. בערמאַן

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07.
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקה.
מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג א. סעקסועלע בעראַטונג,
נעהמט אָן פון 8—11 פריה און פון 4—8 אָוונד,
זונטאָג פון 9—1 בייטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פּרייזען

Dr. med. Haltrecht

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט-
און געשלעכטס-קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאָג
און פון 5—9 אָוונד. זונטאָג פון 10—1 בייטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע - פּרייזען.

KONSUM

PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54 Dojazd Tramwajami 10 i 16

עמפּעהלט:
צו ספּעציעל פּערקלענערטע פּרייזען
פּאַפּעלין-העמדער פון דער העכסטער קוואַליטעט אין די מאָדערנסטע מוסטערן פון 8.25 ביז 11.75
וואַרימע פּיזשאַמעס פלאַנעלען, מאָדערנע מוסטערן פון 12.50
נאַכט-העמדער אין אַ גרויסען אויסוואַהל די נייעסטע פאַסאָנען פון 5.95 ביז 12.50
ספּעציעלער אויספאַרקויף פון קאָלירטע געוועב-טיכלעך אין די נייעסטע מוסטערן מיט דראַבנע עפעקטען 6645

מיר עמפּפעהלען אויסאַרביי-טונגען פון דער מאַרקע **O K** ביז איצט נישט בעקאַנטער העכסטער קוואַליטעט.

רייך-פּערזעהענע אָפּטיילונג פון **ווידזעווער סחורות**

אויסשליסליכער פּער-קויף פון סחורות **סעקונדא בראַק און רעשטלעך**

קליינע אַנאָנסען

פּרייז פון אַן אַנאָנס ביז 15 ווערטער נור 1 זל.

קויף און פערקויף

געלעגענהייטליך און פּרייזווירדיג צו פער-קויפען א ווילל'ע אין פּאָדעמביע אין אַן ערשטקלאַ-סיגען פונקט. איינצעלהייטען צו ערפאַהרען ביי ווי-נאַקור, זאַוואַדזקאַ 16ב

געלעגענהייטליך א קאַראַקול-פּאַלטען צו פער-קויפען פּאָלודניאָווע 31 וואוינונג 16. 6661

צו פערקויפען זינגערס אַ דריי-פּעדימדיגער אַבערלאַק אין גוטען צושטאַנד. געלער. אַלעקסאַנ-דריסקאַ 23. 6639

לאָקאַלען

אַ שטוב מיט אַ קיך אויף נאַוואָמיעסקאַ 21 איז פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען נאַ-וואָמיעסקא 21, קווער אָפיצינע, 1-טער שט. וו. 38.

צו פּערדינגען זאָפאָרט ביליג אַ שעהן צימער נעאייגנעט צו יעדען צוועק, ביי י. כיימאָוויטש, פּיעטריקאָווער 42, ערשטער שטאָק.

א געוועלב מיט אַ שטוב איז פון זאָפאָרט צו פּערדינגען סקלאַדאָוואַ 13 מיט עלעקטריש בע-לייכטונג, דירה-געלד 133 זל. אַ קוואַרטאַל. צו ער-פאַהרען סקלאַדאָוואַ 13, אין געוועלב. 6653

עס ווערט געזוכט אַ לאָקאַל אין באַלוטער ראַיאָן פון צוויי אָדער 3 צימער אויף אַ שולע. צו ערפאַהרען בזשעזשינער 52, עלעכנאָוויטש. 6661

אַ גרויס געוועלב מיט אַ גרויס שויפענסטער און איינריכטונג זאָפאָרט איבערצוגעבען זאַוואַד-זקאַ 21. צו ערפאַהרען ביים וועכטער. 6650

פערשידענעם

אכטונג, די בעסטע און געשמאַקסטע כשר'ע מיטאָגען ביליגער ווי איבעראַל גיט ארויס דער בעוואוסטער היגיענישער רעסטאָראַן פון הערמאַן לעווינסקי, פּילסודסקיעגאָ 39 נר. 2 שט. 6621

סטאַרשי פעלדשער נ. ניימאַן, 6-טער שטר-פיען (בענעדיקטאַ 43. נעהמט אָן א גאַנצען טאָג. פרישע פּיאַווקעס. 5878

בוכהאַלטעריע, פיהרען האַנדעלס-ביכער לערנט אויס פאַר 25 זל., מאַשין-שרייבען לערנט אויס גרינדליך פאַר 10 זל. ביוראָ „קאָרעקספּאָל", צע-געלניאַנאַ 25. 6641

וויכטיג פאַר סוחרים און פאַבריקאַנטען ! אַ לאַנגיעהריגער בוכהאַלטער-קאָרעספּאָנדענט, בי-לאַנסיסט, בעקאַנט מיט אַלערליי שטייער - ענינים זוכט אַ פּאָסטען עווענטועל שטונדענווייזע. אָפער-טען פאַר „פעראַנטוואָרטליך". 6596

פריוואַט פּאַסטענס

עס ווערט געזוכט א זאַמירער-רין) צו רעפּאָרם ביי האַלפּערן, פּאָלודניאָווא 20. 6669

א קוואַליפיצירטער שטריקער-אַרבייטער און א רעפּאַזירערקע קען זיך מעלדען קילינסקיעגאָ 4 וו. 20 6660

עס ווערט געזוכט אַ קירזשנער-מאַשינער אין דעם ווערקשטעל פון שוואַרצמאַן, נאַרוטאָוויטשאַ 42

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
גאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקה.
און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער.
קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראַ-לאָגישע און נערוועז-קראַנקהייטען.
קוואַרץ-לאַמפ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט לאַסטעטיק.
-- טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד. --
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ.
נעמט-אָן אַ פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען,
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
– בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען
וויזיט 3 זל.

„SANATO"

כירורגיש-וועכנעריז-אַנשטאַלט
אַגראַדאָוואַ 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאַס
גינעקאָלאָגיש-וועכנעריז-אָבטיילונג
ד"ר מעד. ש. איינגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד רייטלער-סוריאַנסקאַ ד"ר מעד. וו. אייכנער
פּרייז פון אַ געבורט
אין 2-טען קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פּאַלאַסאָוו
כירורגישע אָפּטיילונגפון ד"ר מעד. ס. פאַנטאַר.

יעדער איינציגער מעבעל

האָט זיך אי-בערצייגט, אַז פאַר דיוואַנעס, פעלצען, נייה-מאַשינען, גאַרדעראָבען או"וו צאַהלט די העכסטע פּרייזען
א. ווייצמאַן שענקעוויטש 23
טעלעפאָן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצט מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

ביליגער ווי איבעראַל

אויף ווינטער-סעזאָן פעלד-בעטלעך פון אייגענער אויסאַר-בייטונג. ניקעל-בעטען, פּאַטענט-מאַטראַצען, קאָזעטקעס און טאַפּ-טשאַנעס, קינדער-בעטלעך, איי-זערנע צוזאַמענלייג-בעטלעך, מאַטראַצען-ספּאָרט-וועגעלעך צו פאַבריקס-פּרייזען אין אַ גרויסען אויסוואַהל עמפּפעהלט
KRAJOWA CENTRALA ŁÓŻEK
66 Piotrkowska 66
פאָדערט איבעראַל די בעוואוסטע פעלד-בעטען מיט דער פירמע „CENTRA"

קונסט-פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט

אויפנאַהמעס צו מאַטריקולען און פּעסער
נור 1 זל. 6 שטיק
רעטושירט, ברוינע פאַרב, ווי אויך פּאָסט-קאַרטען אויפנאַהמען צו ביליגע פּרייזען. איך נעהם אָן צו קאָפּירען פון אַמאַטאָרען.
L. LAKS מיט אַכטונג
זשעראָמסקיעגאָ 84.
צופאָהר מיט טראַמוואַיען 8, 5, 6, 16 און 9.

אַנאָנסען-פּרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה
פאַר'ן טעקסט-... גר. פרייטאָג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 " " " " 60— " " " " 4 "
נאָכ'ן טעקסט—12 " " " " 18— " " " " 8 "
אויסער דער שטאָדט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

נעקראָלאָגען—20 גר. אַ מ/מ (אין דער זייט 8 שפּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווער-טער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע וואָרט — 10 גר.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
אין לאָדז – 4 זלאָטעס אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ – 5 זל. אַ חודש ; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקאַ—1 דאָל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאַר'ן אינהאַלט און טער-מין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנט-וואָרטליך. די אדמיני. איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman